# הבינוני

ראש השנה ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון עב ||| שנה ג'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מורחב לקראת ראש השנה



תקעו בחודש שופר א

עוברים לפניך כבני מרון ד


## תקעו בחודש שופר

## אשרי העם יודעי תרועה;

די כח פון תקיעת שופר צו אויפוועקן דאָס אידישע האַרץ

יום ג', כ"ו אלול תש"פ

א

# רחמנא אמר תקעו; יעדע מצוה האָט דעם זעלבן ציל, צו נאָנטער ברענגען אַ איד צום רבוש"ע

### די שווערעקייט זיך מחבר זיין צום טעם המצוה

די מצוה פון תקיעת שופר איז פון די מצוות וואָס איז אַביסל שווער זיך צו מחבר זיין צו דעם טעם המצוה, ווייל **מ'פאַרשטייט נישט געהעריג דעם פשוט'ן טעם דערפון.** דערפאַר זעט מען אַז ווען מ'וויל רעדן פון מצות תקיעת שופר גייט מען צומאָל גלייך צו די הויכע ענינים וואָס ליגט דערינען, אַז השי"ת שטעלט זיך אויף דעם כסא דין און זעצט זיך אויף דעם כסא רחמים, א.א.וו. אַנדערש ווי אַנדערע מצוות שכליות, צום ביישפיל כיבוד אב ואם, וואָס מ'קען יאָ פאַרשטיין און זיך גרינגער מחבר זיין צו די פשטות'דיגע טעם דערפון.

ווען מ'לערנט מיט אַ קינד וועגן מצוות תקיעת שופר איז דאָס גאַנץ לייכט, ווייל דאָס קינד פאַרלאַנגט נישט אַז מ'זאָל אים גרינטליך מסביר זיין. ער איז מסכים מיטצוזינגען דעם ניגון איבער שופר וואָס דו זינגסט, אָבער אויב וואָלט צוגעקומען צו אונז אַ גר צדק אָדער אַ בעל תשובה, וואָס איז יעצט אַריינגעקומען לעול התורה והמצוות, און ער וואָלט אונז געפרעגט: "וואָס איז דאָס תקיעת שופר?" **וואָלטן אַסאַך מענטשן געבליבן פאַרהאַקט נישט וואוסנדיג צו זאָגן די פשוט'ע באַדייט פון דער מצוה.** מ'קען טאַקע איבערזאָגן די ווערטער איבער הויכע מושגים אָבער מיר האָבן נישט די ערשטע הבנה, צו פאַרשטיין די פשטות המצוה.

אָבער למעשה איז יאָ וויכטיג אַז בנוסף צו די אַלע טעמים פנימיים, **זאָלן מיר פרובירן יאָ זיך מחבר זיין צו די פשוט'ע כוונה פון דער מצוה,** ווי מ'זעט אין דעם **ספר החינוך**, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך אַ ראשון, אַז ביי יעדע מצוה זאָגט ער דעם טעם מיט אַ געוואַלדיגע פשטות, ווייל דורכדעם קען דער מענטש זיך אינגאַנצן מחבר זיין דערצו.

### תכלית כל המצוות; אונז מקרב זיין צו השי"ת

לאָמיר דעריבער רעדן אַ נקודה, וואָס איז שייך ביי אַלע מצוות, אָבער ס'איז שטאַרק נוגע ביי די מצוה פון תקיעת שופר:

דער אמת איז אפילו ביי אַזעלכע מצוות וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין דעם פשוט'ן טעם, זענען אָבער די מצוות אַ לבוש און אַ כלי אַז מיר זאָלן זיך יאָ קענען מחבר זיין צום אויבערשטן דורך די מצוה.

דער כלל איז אַלע תרי"ג מצוות זענען נישט קיין באַזונדערע זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שייכות איינס מיט צווייטן, נאר **באמת זענען אַלע תרי"ג מצוות זייער שטאַרק פאַרבינדן**, ווי מיר זאָגן ביי יעדע מצוה "ותרי"ג מצוות התלויות בה", אַלע מצוות האָבן אַ גרויסע שייכות מיט איין תכלית: **צו מקרב זיין דעם איד צום אויבערשטן!**

קומט אויס אַז אויב אַ איד שטייט בעפאָר אַ מצוה וואָס ער פאַרשטייט טאַקע נישט די טיפע טעמים דערפון אָבער ער זאָגט: **"איין זאַך ווייס איך זיכער, אַז די מצוה איז געמאַכט געוואָרן אַז איך זאָל נענטער ווערן צו דעם רבוש"ע וואָס האָט מיך באַשאַפן.** קען זיין איך ווייס נישט פאַרוואָס ס'דאַרף געטון ווערן פונקט אויף אַזאַ סאָרט אופן, אָבער די עיקר נקודה פון די מצוה ווייס איך יאָ, אַז כ'דאַרף ווערן דורכדעם מחובר צו השי"ת". האָט דער איד זיך יעצט אמת'דיג מחבר געווען צו דער מצוה בלויז מיט דער פשוט'ער כוונה!

### מ'איז מקיים די מצוה בשלימות אויך אויב מ'ווייסט נישט אַלע טעמים

לאָמיר נעמען אַ משל פון די מצוה פון פרה אדומה. מיר ווייסן אַלע אַז דאָס ווערט אָנגערופן אַ 'חוק בלי טעם'. אָבער אַלע פרעגן שוין די קשיא אַז לכאורה ברענגט דאך רש"י אַ טעם פון רבי משה הדרשן אַז דאָס איז אַ תיקון אויף דעם חטא העגל, תבא אמה ותקנח את צואת בנה. אויב אַזוי איז פרה אדומה נישט קיין חק אָן קיין טעם?!

ענטפערן די מפרשים אַז הגם ס'איז טאַקע דאָ אַ טעם אויף די עצם מצוה, בלייבט נאָך איבער זייער אַסאַך פרטים פון די מצוה וואָס זענען געבליבן אַ חוק. צום ביישפיל: אויב די טעם איז בלויז מכפר צו זיין אויפ'ן חטא העגל, פאַרוואָס איז עס מטהר טמאים ומטמא טהורים?! פאַרוואָס טאָר נישט זיין דווקא צוויי האר וואָס זענען נישט רויט, א.א.וו.

אַצינד, אויב אַ איד וועט מקיים זיין מצות פרה אדומה, איז דען אַ חסרון אין דער מצוה אויב ער ווייסט נישט פאַרוואָס די הלכה איז אַז ס'איז מטהר טמאים ומטמא טהורים?! **אודאי איז קלאָר אַז דאָס שטערט בכלל נישט די מצוה,** הגם דער מענטש קען נישט אַלע טיפע טעמים פון אַלע פרטים, אָבער ווילאַנג ער ווייסט דעם כלליות'דיגן טעם המצווה קען ער זיך אינגאַנצן מחבר זיין דערצו מיט אַ שטאַרקע הבנה.

### יעדער קען זיך מחבר זיין צו דאָס האַרץ פון יעדע מצוה

די זעלבע זאַך איז ווען מיר גייען מקיים זיין סיי


פטרון סדר דברים

החפץ בעילום שם
לברכה והצלחה בכל הענינים

וועלכע מצוה אין דער תורה, ווי תקיעת שופר אָדער ד' מינים, דאַרף מען קודם וויסן די ערשטע זאַך: **עס פעלט מיך טאַקע די הבנה צו פאַרשטיין די פּרטים פון די מצוות. אָבער איך קען נאָך אַלס מקיים זיין די מצוה מיט די פּשוט'ע כוונה אַז דורכדעם זאָל איך ווערן מחובר צום אויבערשטן!** קען זיין אַז איך ווייס נישט פאַרוואָס מ'דאַרף בלאָזן דוקא מאה קולות, און פאַרוואָס דוקא מיט אַ שופר, אָבער דאס האַרץ פון די מצוה פאַרשטיי איך יאָ, די נקודה פון די מצוה איז צו ווערן נאָנט דורכדעם צו השי"ת!

אויב איינער וועט דיך זאָגן: "אָה, די מצוה איז גאָר טיפע זאַכן און דו קענסט נישט האָבן קיין שייכות דערמיט. אפשר אַז דו ווענסט לערנען די קליינע אותיות ווענסטו עס פאַרשטיין". **זאָלסטו וויסן אַז דער מענטש האָט נאָך קיינמאָל נישט משיג געווען דאס האַרץ פון דעם מצוה אויב ער רעדט אַזוי.**

דאָס איז פּונקט ווי איינער ענטפערט אויף אַ פּשוט'ע קשיא אין דער גמרא: "דאָס איז אַ קצות און אַ נתיבות". דאָס באַדייט אַז דער מענטש האָט נאָכנישט געלערנט געהעריג די גמרא. **מעגליך אַז דער קצות און דער נתיבות רעדן דערפון, אָבער ס'איז זיכער אויך דאָ אַ פּשטות אין דער גמרא.**

דאָס זעלבע איז ביי יעדע מצוה: דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז נאָך איידער מ'לערנט די אַלע טיפּע טעמים און ענינים, זאָל מען זיך מחבר זיין צו די פּשטות המצוה, עד עמקי הנפש; **מ'זאָל שפּירן אַז די מצוה ברענגט מיך נאָנטער צום אויבערשטן**, און דערנאָך קען מען אודאי צוקומען צו העכערע השגות דורך לערנען מער און מער.

ב

# עורו ישנים משנתכם; דאָס שיינקייט פון אידישע הכנעה בשעת תקיעת שופר

## די כוונה פון תקיעות שופר על פי הרמב"ם

די אופן וויאַזוי תקיעת שופר ברענגט אַ איד צו ווערן נאָנטער צום אויבערשטן, איז ידוע די ווערטער פונעם **רמב"ם** אין הלכות תשובה (פ"ג ה"ד), וואס זאגט מיט זיין הייליג לשון:

**אע"פ שתקיעת שופר בראש השנה גזירת הכתוב, רמז יש בו, כלומר עורו ישינים משנתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם וחפשו במעשיכם וחזרו בתשובה וזכרו בוראכם. אלו השוכחים את האמת בהבלי הזמן, ושוגים כל שנתם בהבל וריק אשר לא יועיל ולא יציל, הביטו לנפשותיכם והטיבו דרכיכם ומעלליכם. ויעזוב כל אחד מכם דרכו הרעה, ומחשבתו אשר לא טובה.**

דער רמב"ם האָט דאָס אַרויסגעלערנט פון די פּסוקים און פון די מדרשי חז"ל. ווי דער **מדרש** זאָגט (ויקרא רבה כט, ו): אַז 'תקעו בחודש שופר' איז אַ לשון פון 'חדשו מעשיכם, שפרו מעשיכם', דער שופר טוט ערוועקן דאָס האַרץ זיך צו משנה זיין די מעשים, ווי דער פּסוק זאָגט: '**אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו**'.

## דער עיקר איז די תוצאה וואָס די מצוה ברענגט

דאָס איז דער פּשוט'ער טעם פון תקיעת שופר, ווי ס'ווערט אויך מבואר אין חסידי'ישע ספרים: **דער שופר האָט אַ געוואַלדיגן כח צו אויפטרייסלען און אויפוועקן די טיפסטע חלקים פון דעם מענטש**, אַז ער זאָל חרטה האָבן פון דעם וועג וואו ער איז געגאַנגען ביז יעצט, און ער זאָל ווען לעבן אַ בעסערע סאָרט לעבן, צו זיין נאָנטער צום באַשעפער.

מיר וואָלטן געקענט טראַכטן אַז דער עיקר פון תקיעת שופר איז צו בלאָזן און בפועל מקיים זיין די מצוה, אָבער דער רמב"ם און די אַלע ספרים הק' לערנען אונז אַ כלל גדול אַז **דער עיקר פון תקיעת שופר איז די תוצאה וואָס קומט אַרויס דערפון**, צו אויפוועקן דאָס האַרץ!

## דער שופר מאַכט אונז צוריק אָריגינעל

דער רבוש"ע האָט אונז געהייסן אַז אין דעם טאָג וואָס ס'איז געווען די תחלת הבריאה, זה היום תחלת מעשיך, זאָל דער מענטש צוריקגיין צו די אָריגינעלע וועג וויאַזוי ער דאַרף אויסקוקן.

דער אויבערשטער האָט דיך באַשאַפן גלייך, מיט אַ נאָרמאַלע וועג פון טראַכטן און זיך אויפפירן. **'אלקים עשה את האדם ישר'** - גלייך אָן קיין קרומע מחשבות פון ליגנט און ערמה; 'ישר' אָן קיין לשון הרע'לעך און אָן קיין קנאה אָדער תאוה, ווייל ווען אַ מענטש איז 'ישר' האָט ער נישט קיין קנאה אויף אַ צווייטן, און אויך די גאַנצע שורש פון תאוה איז וויבאַלד עס פעלט מיך עפּעס און דעריבער וויל איך תענוג פון ערגעץ אַנדערש. **אָבער אַ גלייכער שלימות'דיגער מענטש איז מלא שמחה און מלא אור.**

במשך דעם יאָר איז דער מענטש ליידער פאַרגאַנגען און מ'דאַרף זוכן אַ וועג וויאַזוי ער זאָל כאַפּן אַ שאָקל, ער זאָל זיך אויפוועקן, צו חרטה האָבן און צוריקגיין צום גלייכן וועג. ווען דער מענטש געפינט זיך אין דעם מצב, ווערט דאָס אָנגערופן 'ישנים', ווייל ווען דער מח אַרבעט נישט ריכטיג שלאָפט עס. **ער איז טיף פאַרשלאָפן און ער דאַרף זיך אויפכאַפּן.** ער דאַרף דערהערן אַז די וועג וואו איך בין געגאַנגען איז נישט גוט פאר מיר! אפילו אויב כ'האָב טאַקע נישט ממש עובר געווען קיין איסורים מדאורייתא, אָבער דער אויבערשטער האָט דאָך געזאָגט 'קדושים תהי' - קדש עצמך במותר לך'.

## ווי גליקליך איז אַ צעבראָכן האַרץ

דער שופר האָט אָט די טבע 'לעורר ישינים', **עס מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך כאַפּן און טיף דערהערן אַז ס'איז נישט גוט צו גיין אויף דעם וועג פון ביז יעצט.** אַזוי וועט ער ווערן צוריק אַ געזונטער מענטש אַזויווי ער איז באַשאַפן געוואָרן אָריגינעל אין דעם טאָג פון ראשית הבריאה.

צדיקים האָבן געטייטשט דעם פּסוק 'אשרי העם יודעי תרועה', אַז 'תרועה' איז אַ לשון פון צעבראָכן, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים ב, ט) 'תרועם בשבט ברזל'. דאָס זאָגט דוד המלך: **'אשרי העם'- גליקליך איז דאָס פאָלק. 'יודעי תרועה' - וואָס זיי ווייסן און פאַרשטייען אַז די עיקר פון דער מצוה איז צו האָבן אַ צעבראָכן האַרץ** און זיי האָבן אַ בושה און אַן הכנעה דערפון. זיי זענען מודה אַז ס'איז נישט געווען ווי ס'דאַרף צו זיין, **דאָס איז די עיקר נקודה פון תקיעת שופר!**

דער שופר האָט די טבע אונז צו שטאַרק אויפוועקן, נישט בלויז אַז מ'זאָל זיך איינמאָל איינהאַלטן און מ'זאָל נאָכדעם צוריקגיין צום אַלטן, נאר אַז מ'זאָל זיך קענען גענצליך טוישן צום גוטן, און ווערן צוריק אָריגינעל אַזויווי דער אויבערשטער האָט אונז באַשאַפן.

## יעדער איד בעצם איז אַ נכנע פאַר'ן אויבערשטן

דער פּסוק זאָגט 'אשרי העם יודעי תרועה', ווייל דאָס גייט אַרויף אויפ'ן גאַנצן פאָלק. **אידישע קינדער זענען אַזאַ סאָרט פאָלק** וואָס זיי ווייסן וויאַזוי צו זיין צעבראָכן כדי צו ווערן צוריק גלייך.

אידן זענען דאָך בני אברהם יצחק ויעקב, מיר זענען ביישנים רחמנים און גומלי חסדים, **מיר זענען געבויעט ריכטיג!** ס'פּאַלט טאַקע אַריין ליידער דאָ אַ שטיקל גאוה און דאָ שטיקל תאוה, אָבער די אַלע זאַכן זענען בלויז אַרום אונז. מיר זענען נישט געבויעט קרום, אונזער שורש איז נישט פון די קליפּה. די שורש פון אידן איז געבויעט מיט אַזאַ קדושה, דעריבער **ווען מ'וועקט אויף ביים איד זיין אינערליכע פּינטל קען ער זיך תיכף טוישן**, ווייל מיר זענען באמת אַ כלי קיבול צו קענען חרטה האָבן און זיך משנה זיין לטובה.

אַ איד איז געבויעט געזונט דערפאַר אנערקענט ער גלייך אַז ס'איז טאַקע נישט ריכטיג וואָס איך טו און איך גיי זיך פאַרבעסערן.

## תקיעת שופר העלפט בלויז פאר אַ אידישע נשמה

די **גמרא** זאָגט (חגיגה ט, ב): 'יאה עניותא ליהודאי כי ברזא סומקא לסוסיא חיורא' - ס'איז שיין אָרימקייט פאר אידן, אַזויווי אַ רויט בענדל איז שיין פאר אַ ווייסע פערד.

די פּשט פון דער גמרא איז אַז 'עניותא' איז אַ געוויסע נאַטור, אַ תכונת הנפש וואָס אידן פאַרמאָגן במתנה. אַמאָל איז דאָ וואָס די חיצוניות'דיגע עניות פון אַרום קען צוהעלפן אַז מ'זאָל האָבן די אינערליכע תכונה פון עניות, **אָבער אַ איד האָט דאָס אויך נאַטירליך**. די שיינקייט פון אידן איז ווען ער פאַרמאָגט דעם נאַטור פון אַן 'עני'. ער האָט דעם געפיל: "**עס פעלט מיך, הלואי קען זיין בעסער**". ער איז אַ מקבל, ער איז אַ נכנע.

אַ איד איז במהות אַזאַ סאָרט נכנע, ער איז געבויעט אויף דעם סאָרט אופן. **אויב מ'וועט בלאָזן שופר פאר אַ גוי אפילו טויזנט מאָל וועט דאָס גאָרנישט העלפן אים צו מאַכן בעסער.** ס'וועט אַרויסברענגען בלויז דאָס פאַרקערטע, ווייל די טבע פון דעם שופר איז געמאַכט צו אויפוועקן די פּנימיות פון דעם מענטש, און דעם גוי'ס פּנימיות איז פאַרקערט ווי אַ נכנע.

**אָבער אַ איד האָט דאָך אַ ריינע אינערליכע נקודה**, און ווען ער הערט דעם קול שופר האָט

השי"ת אַריינגעלייגט אַז די כלי פאַרמאָגט דעם כח **צו אויפוועקן ביי דעם איד זיין אמת**. אַז ער זאָל באַקומען אַ תשוקה און אַ רצון צו לעבן מיט אַ העכערקייט.

## שופר ברענגט בושה פאַר'ן אויבערשטן

כעין זה ברענגען די **ספרים** בשם דעם **אריז"ל**, אַז דאָס פנים פון דעם בעל תוקע ווערט רויט בשעת מען בלאָזט שופר, וויבאַלד דאָס איז איינס פון די עיקר ענינים פון תקיעת שופר, אַז **מ'זאָל רויט ווערן אַזוויו איינער האָט אַ בושה**. מ'זאָל האָבן די הכנעה וואָס איז גורם אַז ס'זאָל זיין 'אזיל סומקא ואתי חיוורא'.

פאַרוואָס דאַרף עס דוקא געטון ווערן מיט דעם כלי פון דעם שופר? פאַרוואָס איז נישט גענוג אַז דער רב זאָל זאָגן אַ דרשה און מעורר זיין דעם עולם לתשובה?! **ווייל דער רבוש"ע האָט אַריינגעלייגט אַ ספּעציעלן כח אין דעם שופר אַז דאָס זאָל אויפוועקן דעם איד'ס נקודה הפנימית** וואָס וועט מאַכן אַז ער זאָל בעסער ווערן.

דאָס איז די ערשטע עיקר פון תקיעת שופר, ווי דער רמב"ם שטעלט אונז דאָס אַראָפּ, און די אַלע אַנדערע גרויסע ענינים און טעמים זענען שוין די קומענדיגע דרגות וואָס קומען נאָך דעם ערשטן כלל.

# כדי לערבב השטן; אונזער הכנעה אין האַרץ צעמישט דעם כח השטן פון דער גאַנצער בריאה

## די תשובה ברענגט אן ערבוב השטן

די **גמרא** אין מסכת **ראש השנה** (טז, א) זאָגט אַז דערפאַר האָט מען מתקן געווען צו בלאָזן צוויי מאָל, תקיעות דמיושב און דערנאָך תקיעות דמעומד, ווייל דאָס טוט צעמישן דעם שטן, כדי לערבב השטן.

זענען די **ספרים הק'** מסביר אַז לכאורה איז דאָך דער טעם פון תקיעת שופר צו מאַכן דעם 'עורו ישנים', אויב אַזוי פאַרוואָס שטייט דאָ אן אַנדערע טעם. נאָר זאָגן די ספרים אַז **דאָס גייט צוזאַמען**; די תכלית פון תקיעת שופר איז אַז דער מענטש זאָל באַקומען הכנעה פאַר'ן אויבערשטן, און **אָט די הכנעה ברענגט שוין אויטאָמאַטיש** אן ערבוב השטן.

## דער חביבות המצוה פון אמת'ע הכנעה

באמת איז דער תירוץ שוין מרומז אין **רש"י** דאָרט אויפ'ן פלאַץ: **"כדי לערבב השטן שלא ישטין, כשישמע ישראל מחבבין את המצוות מסתתמין דבריו"**.

וואָס איז די כוונה פון רש"י אַז אידן זענען מחבב די מצוה פון שופר? קען מען דען זאָגן אַז די חיבוב המצוה באַדייט ווען איינער פאַרמאָגט אין שטוב צוואַנציג דרייסיג שופרות ווייל ער האָט אַזאַ שטאַרקע חביבות דערצו, און אויב איינער וועט אַנרירן זיין שופר וועט יענער כאַפּן פון אים, ווייל ער האָט אַ חביבות צו שופר?! קען מען דען זאָגן אַז חיבוב המצוה באַדייט ווען איינער איז מדקדק יוצא צו זיין אַלע שיטות פון די שברים און די תרועות אָבער ער רירט זיך נישט פון זיין פלאַץ און ער פאַרבלייבט מיט זיינע אַלטע הרגלים, **דאָס האָט דען רש"י געמיינט מיט חיבוב המצוה?!**

אודאי איז די כוונה פון "ישראל מחבבין את המצוות', אַז **אידן האָבן ליב דעם חלק פון דער מצוה וואָס וועקט זיי אויף און ברענגט זיי לידי הכנעה!**

## יעדער איד האָט ליב זיך צו מכניע זיין פאַר'ן אויבערשטן

אַ איד איז מסכים צו מודה זיין בשעת תקיעת שופר ביי זיך אין האַרץ: **יאָ, איך האָב זיך שטאַרק טועה געווען ביז יעצט, איך בעט דיך רבוש"ע העלף מיר!** איך ווייס קלאָר אַז אויב כ'גיי זיך נישט טוישן וועל איך ליידן בזה ובבא. איך וויל אַזוי שטאַרק אָפּלאָזן מיינע אַלטע מעשים! איך הייב אויף די הענט צום אויבערשטן ווייל איך ווייס אַז איך האָב זיך טועה געווען, און עס טויג נישט!

אָט די הכנעה פון אַ איד בשעת תקיעת שופר, ברענגט אַזאַ געוואַלדיגע חביבות! **אַ איד האָט ליב דאָס צו טון ווייל דאָס איז זיין מהות!** יעדער מענטש ווערט נאָכגעצויגן צו זאַכן וואָס זענען זיין מהות. פּונקט ווי איינער וואָס האָט אַ געפיל צו נגינה, ווערט נמשך אַלעמאָל צו זינגען, דאָס זעלבע ווערט אַ איד נמשך צו הכנעה.

דאָס זאָגט רש"י: 'כשישמע ישראל מחבבין את המצוות מסתתמין דבריו'. אידן האָבן ליב צו טון מצוות וואָס ברענגט זיי לידי הכנעה. דאָס מאַכט אויטאָמאַטיש אַז אויך דער שטן זאָל ווערן צעמישט. **ווייל ווען דער שטן וואָס געפינט זיך אין אַ אידיש האַרץ ווערט פאַרטומלט, ווערט אויך צעמישט דער שטן פון דער גאַנצער בריאה. ס'איז די זעלבע כח הקליפּה!**

און דערפאַר האָט אונז דער אויבערשטער געהייסן בלאָזן שופר, ווייל אַזוי זענען מיר מבטל דעם שטן פון דער בריאה. **מיט איינמאָל בלאָזן וואָלט מען נאָך אפשר נישט אַזוי נתעורר געוואָרן, דערפאַר בלאָזט מען צוויי מאָל**, תקיעות דמיושב און תקיעות דמעומד, ביז מ'זאָל ווערן גוט אויפוועקט, עורו ישנים כפשוטו ממש.

אודאי מיינט דער שטן אַז ס'קומט די גאולה שלימה, ווייל אַזוי שפּירט זיך די גאולה שלימה!

## די שרעק פונעם שטן איז באַרעכטיגט

נאָכדעם וואָס מ'פאַרשטייט דעם פשוט'ן און עיקר טעם, זעט מען וויאַזוי אַלע אַנדערע טעמים און ענינים וואָס שטייט אין ספרים הק' בויעט זיך אויף דעם צענטראַלן טעם. די אַלע טעמים זענען נישט קיין צוויי שיטות נאָר **ס'איז אַלעס איין נקודה, אַז מצות שופר דאַרף צוריקברענגען דעם מענטש צום אויבערשטן**. און אַזוויו ביי יעדע מצוה איז דאָ די נקודה פון דער זאַך און דערנאָך איז דאָ אַלע ענינים און טעמים וואָס ספרים הק' און צדיקים האָבן צוגעלייגט אויף דעם עיקר נקודה פון דער מצוה.

צום ביישפּיל: ס'איז ידוע וואָס עס שטייט אין **ירושלמי** אַז בשעת מען בלאָזט שופר ווערט דער שטן דערשראָקן ווייל ער מיינט אַז ס'איז שוין געקומען די גאולה שלימה ווען מ'וועט בלאָזן מיט דעם שופר גדול.

אויב לערנט מען דאָס אַלס אַ באַזונדערע טעם שטעלט זיך גלייך די פשוט'ע קשיא: **דער שטן האָט זיך דאָך שוין אויסגעלערנט פאַראַיאָר און פאַר צוויי יאָר צוריק אַז דער שופר איז נישט דער שופר של משיח**, פאַרוואָס ווערט ער יעדעס יאָר נאָכאַמאָל דערשראָקן?!

אָבער מיט דעם הקדמה פונעם רמב"ם אַז די עיקר מצוות תקיעת שופר איז צו אויפוועקן דעם אידישע האַרץ, פאַרשטייט מען זייער גוט אַז ווען אַ איד ווערט נתעורר אפילו אויף אַ סעקונדע צו נאָענטער ווערן צום אויבערשטן, האָט ער דאָך יאָ דערשטיקט די קליפּה, עס האָט נישט קיין חיות! נאָכדערצו אום ראש השנה, ווען עס שטייט אַ ציבור אידן וועלכע ווערן נתעורר בתשובה בשעת תקיעת שופר, **אודאי מיינט דער שטן אַז ס'קומט די גאולה שלימה, ווייל אַזוי שפּירט זיך די גאולה שלימה!** ווען אידן זאָלן בלייבן אין דעם מצב אַגאַנץ יאָר איז זיכער אַז ס'וואָלט שוין געווען די גאולה. בב"א.

עוברים לפניך כבני מרון

## ממך אליך אברח;

די ריכטיגע הרגשה אין דעם יום הדין פון ראש השנה

יום ג', כ"ו אלול תש"פ

### א

# לבוחן לבבות ביום דין; וואָס דאַרף זיין די מחשבות שטייענדיג ביים משפט פון ראש השנה

## זיך מחזק זיין מיט אמונה אין אַ זמן פון פחד

ווען מ'גרייט זיך אויף ראש השנה, איז אַ זמן גרמא צו חזר'ן די יסודות פון בטחון. דאָס איז וויכטיג צוליב עטליכע סיבות. ערשטנס, ווייל וויפיל אַ איד דאַרף אָטעמען מיט בטחון יעדן טאָג, איז אָבער **ווען ער געפינט זיך אין אַן עת רצון דאַרף ער נאָך אַסאַך קלאָרער לעבן מיט די יסודות פון אמונה ובטחון.**

אין אַ צייט וואָס דער מענטש טרעפט זיך אין אַן ענגשאַפט, קען דאָך פּאַסירן אַז ער זאָל חלילה אָנהויבן טראַכטן נישט בטחון'דיג. דעריבער **דאַרף מען נאָך שטאַרקער זיך מחזק זיין מיט אמונה, כדי אַז אפילו בעת צרה זאָל מען בלייבן אינגאַנצן רואיג,** מיט די ריכטיגע מחשבות פון בטחון.

דער יום טוב פון ראש השנה איז אין אַ געוויסן זין אַ בחינה פון אַן 'עת צרה', ווייל דער מענטש ווייסט אַז ער גייט זיך שטעלן למשפט. אויב אַזוי **דאַרף ער נוצן די זעלבע יסודות פון בטחון וואָס מ'דאַרף נוצן אַלעמאָל ווען מען געפינט זיך אין אַ צרה.** מ'דאַרף געדענקן די כללים, כדי מען זאָל נישט ווערן צעטומלט און קענען לעבן מיט אמת'ע בטחון.

## אוכלים ושותין ושמחים

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס ראש השנה דאַרף מען ספּעציעל שטאַרק אַרויסהאָבן די ענינים פון בטחון איז, ווי דער **טור** זאָגט אין **הלכות ראש השנה** (אורח חיים סימן תקפ"א) אַז מ'דאַרף באַזונדער עוסק זיין בבטחון ווען ס'קומט ראש השנה.

דער טור ברענגט דאָרט וואָס עס שטייט אין מדרש אַז מנהגו של עולם, ווען אַ מענטש ווייסט אַז ער דאַרף זיך שטעלן צו אַ דין, טוט ער זיך אָן שוואַרצע בגדים און ער שניידט זיך נישט די נעגל, ווייל ער ווייסט נישט וויאַזוי ס'גייט זיך ענדיגן דער משפּט.

אָבער - זאָגט דער מדרש - **'אבל ישראל אינן כן, לובשים לבנים ומתעטפים לבנים וכו', ומחתכין צפרניהם, ואוכלין ושותין ושמחים בראש השנה'** - אידישע קינדער גייען אַריין אין דעם יום טוב מיט אַ שמחה, **'לפי שיודעין שהקב"ה יעשה להם נס!'**

און אַזוי ווערט טאַקע גע'פסק'נט להלכה אַז מ'דאַרף עסן די סעודות פון ראש השנה און זיין בטוח אַז השי"ת וועט אונז מאַכן אַ נס. מיר דאַרפן נאָר וויסן וויאַזוי מ'טוט דאָס ריכטיג, ווייל עסן די סעודה איז טאַקע נישט אַזוי שווער צו וויסן וויאַזוי מ'טוט דאָס, אָבער **מ'דאַרף יאָ ריכטיג פאַרשטיין די מהלך המחשבה פון בטחון** וויאַזוי צו טראַכטן אין דעם יום הדין פון ראש השנה.

## די גוטע סימנים ווייזן אונזער פאַרזיכערטע אמונה

נאָכמער: אין שלחן ערוך הלכות ראש השנה, סימן תקפ"ג, וואו דער מחבר ברענגט אַז מ'פירט זיך צו עסן די אַלע סימנים ראש השנה ביינאַכט, שרייבט דאָרט הגאון רבי **שלמה קלוגער** זצ"ל אין די הגהות **חכמת שלמה** אַז דער טעם פאַרוואָס מען עסט די סימנים איז נישט די כוונה ווייל מיר ווילן דאַווענען אַז ס'זאָל זיין אַ שנה טוב ומתוקה, ווייל ווען זיצט ביי דער סעודה איז נישט קיין זמן פון תפלה. נאָר פאַרוואָס עסט מען די סימנים? צו ווייזן אונזער בטחון און אמונה, **'כי מראה שהוא מאמין ובוטח שכן יהיה'** - מיר גלייבן אַז אַזוי גייט טאַקע זיין.

רבי שלמה קלוגער ברענגט דאָרט אַז **ראש השנה דאַרף מען זיין פריילעך און זאָגן 'כל מה שעושה הוא יתברך הוי לטובה'**, און דורכדעם ווערט אַלעס טאַקע ווערן איבערגעדרייט באמת צום גוטן. דערפאַר איז דאָ אַ גרויסער ענין צו זאָגן ראש השנה **'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד וגם זו לטובה'.** און דערפאַר האָט מען מתקן געווען צו עסן גוטע און זיסע מאכלים, כדי אַז אויב ס'איז ח"ו נגזר געוואָרן להיפוך, זאָל עס ווערן איבערגעדרייט צום גוטן מיט אונזער בטחון אַז דער אויבערשטער גייט העלפן.

## ואני בחסדך בטחתי

על כל פנים, דאָס איז זיכער אַז **ראש השנה דאַרף אַ איד צוגיין מיט אַ געוואַלדיגע בטחון;** סיי צוליב דעם וואָס **מען געפינט זיך אין אַן ענגשאַפט** און מ'דאַרף אין אַזאַ צייט זיך נאָך שטאַרקער מחזק זיין מיט בטחון; און סיי ווייל אַזוי האָבן חז"ל אָראָפּגעשטעלט אַז מ'זאָל זיך אָפּשערן און עסן די סעודות מיט די סימנים, כדי **צו ווייזן אונזער אמונה** אַז דער אויבערשטער גייט אונז מאַכן אַ נס.

דערפאַר איז יעצט די צייט צו חזר'ן די יסודות פון בטחון, אַז מ'זאָל עס טון ריכטיג, ווייל די ריכטיגע מהלך המחשבה ווען ס'קומט ראש השנה איז גאָר איידל, און ס'איז זייער עלול אַז דער מענטש זאָל זיך טועה זיין. פון איין זייט זעט מען **מענטשן וואָס זענען אינגאַנצן אָנגעשטרענגט**, און פון די צווייטע זייט איז דאָ **אַזעלכע וואָס זענען סתם פריילעך מיט אַ היסח הדעת פון דעם גאַנצן יום הדין.** וואָס ביידע איז אודאי נישט קיין ריכטיגע מהלכים. דאַרף מען דעריבער חזר'ן די יסודות וואָס מ'האָט שוין געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים.

## די צעמישעניש וואָס הערשט אין דער סוגיא

ס'איז זייער שטאַרק מצוי אַז ווען ס'קומט אָן די הייליגע טעג טרעפט זיך דער מענטש אין אַ בלבול המחשבה. ווייל ער שפּירט אַז אויב ער איז צו שטאַרק בוטח אַז דער רבוש"ע גייט אים העלפן, איז די דערהער דערפון אַז **ער איז זיך מתעלם פון דעם מצב.** סוף כל סוף איז דאָך דאָ אַ מורא'דיגע משפט אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר. פאַרוואָס איז ער אַזוי רואיג?!

דער מענטש ווייסט זייער גוט אַז ווען ער וואָלט יעצט געשטאַנען איידער אַ משפט אויף אפילו בלויז פופציג טויזנט דאָלער, וואָלט אים זיין הארץ אַזוי געקלאַפּט און ער וואָלט געמאַכט אַלע סאָרט השתדלות צו אַרויסגיין זכאי בדין. הגם מ'רעדט

**אותיות מחכימות** — חכמת שלמה, שלחן ערוך אורח חיים סי' תקפ"ג

הנה הטעם מה שכתוב בש"ס (הוריות יב, א; כריתות ו, א) ובשו"ע לאכול דברים טובים ומתוקים, אין הכוונה דרך תפילה, דאין מקום לתפילה בשעת אכילה, רק זה הוי לבטחון ואמונה, כי מראה שהוא מאמין ובוטח שכן יהיה.

ובפרט לפי מה שכתבתי בדרושים לפרשת כי תבוא שנת תר"ב דבראש השנה יהיה משמח ואומר כל מה שעושה הוא יתברך הוי לטובה, ובזה יהיה נהפך באמת לטובה.

ולכך מהאי טעמא נראה שיהיה אדם רגיל לומר בראש השנה אחרי תפילת שחרית כל מה דעביד רחמנא לטב עביד וגם זו לטובה. ולכן מהאי טעמא תקנו לאכול מאכלים טובים ומתוקים ולומר עליהם כן, כדי שאם ח"ו נגזר להיפוך, יהיה נהפך על ידי אמירה זו לטובה, אמן כן יהי רצון.

דאך בסך הכל פון אַפּאָר טויזנט דאָלער! **כל שכן ווען ער שטייט דאָ פאר אַ משפּט פון אם לחיים אם למוות, דאַרף ער דאָך אודאי זיין אויס - מענטש.** ווען ער וואָלט געגלייבט אַז דאָ פּסק'נט מען אויף זיין גאַנצע לעבן, וויאַזוי קען ער זיך אַרומדרייען פריילך מיט'ן אויסרייד אַז ער האָט בטחון?!

דער מענטש שפּירט דעם אמת אַז דאָס קומט נישט פון בטחון, נאר ווייל ס'איז אים פּשוט גרינגער זיך מתעלם צו זיין פון דער גאַנצער זאַך און דאָס תולה זיין כאילו ער האָט בטחון, דעריבער זאָגט ער אַז "ביי חסידים איז מען געווען פריילך ראש השנה", און פאַרטיג.

## די אויפריכטיגקייט ברענגט אן אומבאַקוועמליכקייט

אַ איד וואָס איז אַ משהו ערנסט ווייסט דאך אַז ער איז 'משקר עם עצמו' און דאָס ברענגט אים צו זיין אָנגעשטרענגט, ווייל ער ווייסט דעם אמת אַז זיין רואיגקייט קומט פון אַ 'היסח הדעת'. עס קומט ווייל ער איז זיך מתעלם פון דעם גאַנצן אמת, און די גרעסטע ראי' דערצו איז, ווי דערמאַנט, אַז **אויב מ'וואָלט אים דן געווען אויף אפילו טויזנט דאָלער וואָלט ער שוין געווען אויס מענטש**, מ'וואָלט נישט געקענט רעדן מיט אים. און דאָ גייט מען אים יעצט פּסק'נען לחיים או למות, **וואָלט ער ווען געדאַרפט בייטן קאָלירן יעדע סעקונדע.** אפילו אויב ער וואָלט זיך אַזוי שטאַרק פּרובירט מחזק זיין מיט בטחון וואָלט עס אים נישט געגאַנגען. ער ווייסט דאך אַז ער זאָגט דאָ ליגנט פאר זיך אַליין.

און טאַקע וויבאַלד דער מענטש ווייסט אַז דאָ ליגט אַ היסח הדעת איז ער נישט באַקוועם דערמיט. **ווען אַ מענטש ווייסט אַז ער איז משקר לעצמו מאַכט עס אים שפּירן נישט גוט.** און אַצינד ווערט די פּראָבלעם אַסאַך אַרגער, ווייל ער קען זיך שוין אפילו נישט מחזק זיין מיט בטחון. ער האָט נישט קיין שום פּלאַן וויאַזוי צו טראַכטן ריכטיג.

דאָס איז גורם אַז **ס'איז זייער מצוי ראש השנה ביי מענטשן אַז די מחשבות וואַרפן זיך אַהין און צוריק.** איין מינוט טראַכט ער: "מ'דאַרף דאך תשובה טון. איך האָב אַ משפּחה מיט קינדער און כ'וויל האָבן אַ גוטע יאָר". אָבער דערנאָך וויל ער נישט זיך אַרומדרייען אָנגעצויגענערהייט. און באמת דארף מען טאַקע אַסאַך סייעתא דשמיא ווייל ס'איז אַן איידעלע נקודה.

## כי חדות ה' מעוזכם

ס'איז אינטערעסאַנט צו מעתיק זיין וואָס דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אין די דרשות (דרוש לז"ך אלול שנת תקצ"ד), דערמאַנט שוין דעם ענין.

דער חתם סופר זאָגט אַז אויב מען וויינט ראש השנה מתוך צער איז דאָס נאר מזיק. ראש השנה דאַרף זיין אַ בכי' של שמחה ודביקות, ווי דער פּסוק זאָגט (נחמיה ח, י): 'אל תעצבו כי חדות ה' מעוזכם'.

## די תשובה פון ערב ראש השנה איז מוכיח אויף די שמחה פון ראש השנה

דערנאָך ברענגט דער חתם סופר דאָס לשון פון **מדרש** אַז דער שטן זאָגט ראש השנה פאַר'ן אויבערשטן: **'בניך גנבים הם'**, און יום כיפּור זאָגט ער: **'כמלאכי השרת הם'**. און דער חתם סופר זאָגט פּשט אַז **ראש השנה איז אַ מצוה זיך צו פרייען, צו ווייזן אַז מיר זענען בטוח**, אַזויווי בנים וואָס זענען בטוח 'שיצא לאור משפטינו'.

קומט דער שטן און טענה'ט: 'בניך גבנים הם' - אידן זענען טאַקע פריילך, אָבער נישט ווייל זיי זענען בוטחים בה', נאר ווייל ס'איז 'כגונב לב של מעלה'. זיי מאַכן זיך כאילו זיי האָבן בטחון אַז אַלעס וועט זיין גוט.

דערפאַר פאסטן מיר ערב ראש השנה, ווען מען איז מאריך מיט די תפלות צו זאָגן 'אבל אנחנו חטאנו', און מיר דאגה'נען אויף אונזערע עבירות. און הערשט שפּעטער ווען ס'קומט ראש השנה זענען מיר בשמחה מיט אַ בטחון אין די חסדי ה'. **מען מאַכט אָבער אַ גאַנצע עסק פון תשובה ותחנונים אום ערב ראש השנה** כדי אַז מ'זאָל נישט פאַרטייטשן די שמחה פון ראש השנה אַז דאָס איז כאילו מיר זאָגן אַז מ'האָט נישט געזינדיגט.

## די אכילה פון ערב יוה"כ איז מוכיח אויף די תענית פון יוה"כ

זאָגט דער חתם סופר ווייטער, אַז יום הכיפּורים איז פאַרקערט. ווען אידישע קינדער פאסטן קומט דער שטן טענה'ן 'כמלאכי השרת הם', אַז זיי פאסטן נישט וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געהייסן, נאר ווייל בטבע קענען זיי נישט עסן אין אַזאַ טאָג פון גרויס פּחד.

דערפאַר זענען מיר אוכל ושותה ערב יוה"כ, **צו ווייזן אַז מיר זענען בטוח אַז ס'וועט אַרויסקומען אַ גוטער משפּט**, און אַז די סיבה פאַרוואָס מיר פאסטן יוה"כ איז נאָר מחמת גזירת המלך.

קומט אויס אַז **די תשובה פון ערב ראש השנה ווייזט אַז אונזער שמחה פון ראש השנה איז מיט אַ ריכטיגע בטחון**, און די אכילה ושתי' פון ערב יוה"כ ווייסט אַז אונזער תענית פון יוה"כ איז בלויז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן.

## מ'דאַרף גוט אָפּלערנען דעם בטחון פון ר"ה

דער דרשות חתם סופר מערקט שוין אָן אויף דער זאַך, אַז **ווען אַ מענטש איז בשמחה ראש השנה איז דאָס נאָכנישט קיין סימן אַז ער איז אַן אמת'ער בוטח.** ס'קען זיין אַז ער זיך בלויז מתעלם און מסיח דעת, און **נאר אויב דאָס קומט מיט אן הקדמה פון תפלה און תענית ערב ראש השנה זעט מען אַז ער האָט יאָ בטחון.**

אָבער למעשה דאַרף מען טאַקע וויסן, **וויאַזוי קען מען באַקומען דעם ריכטיגן געפיל פון בטחון, וואָס זאָל נישט זיין קיין סתירה צו דעם אימת הדין.** לאָמיר דעריבער חזר'ן די יסודות פון בטחון וואָס וועט אונז העלפן אַז מיר זאָלן לכה"פ זיין בגדר פון אַ 'בא לטהר', צו טרעפן דעם פּאַסיגן מהלך המחשבה וויאַזוי אַ איד דארף צוגיין צו דעם ראש השנה, און אַז מיר ווען כאָטש אָנהויבן, וועט דאָס ברענגען אַ סייעתא דשמיא, אַז השי"ת זאָל אונז אַריינשיינען די גוטע מחשבות.

### ◄ אותיות מחכימות ◄

דרשות חתם סופר

דרוש לז"ך אלול שנת תקצ"ד (ד"ה ויהי מידי עלותה בית ה')

הבכיה של צער בראש השנה מזיק, כי אם על דרך בכיה של שמחה ודביקות. כמו שאמר עזרא (נחמיה ח' י) אל תעצבו כי חדות ה' היא מעוזכם, והארכתי בזה הרבה.

ואמרתי מדרש: 'השטן אומר בראש השנה בניך גנבים הם וביום הכפורים אומר כמלאכי השרת הם'. דבראש השנה מצוה לשמוח, להורות אנחנו בטוחים כבנים הבטוחים שיוציא לאור משפט, והחדוה הלז היא מגינה.

אך שטן טוען שאין החדוה חדות ה', אלא כגונב לב של מעלה לומר לא חטאנו, כמו שאמרו חז"ל (ב"ר כ"ב): 'ויצא קין מלפני ה' כגונב דעת של מעלה'. על כן מתענין בערב ראש השנה, ומאריכים בתפלות לומר 'אבל אנחנו חטאנו', ודואגים על חטאתינו, אלא אנו שמחים ביום טוב של ראש השנה ע"י שאנו בטוחים בחסדי השי"ת.

וביום הכפורים הוא אומר, אינם מתענין מפני ציווי השי"ת אלא בטבע אינם יכולים לאכול וכל אוכל תתעב נפשם, כי יודעים שראוים לעונשים ואין דן דינם למזור, והרי הם כמלאכי השרת שאין בטבעם לאכול. על כן אוכלין ושותין ערב יום כפור להראות ההיפוך.

ב

# בשמך יגילון כל היום; די טיפע תענוג פון זיין אָנגעהאָנגען בלויז אויף השי"ת

## באַקומען אַ ריזיגן נדן נאָך דער חתונה

ס'איז דאָ אַ הפלא'דיגע מעשה פון דעם **בריסקער רב**, הגרי"ז זצ"ל, וואָס דאָס גיט אונז צו פאַרשטיין בעסער, וואָס איז די עבודה פון אַ איד אין די הייליגע טעג.

נאָך דער חתונה פון דעם בריסקער רב, האָט ער באַקומען אַ גרויסן נדן פון זיין שווער; אַ גאַנצע גאַס אין וואַרשא, פול מיט הייזער, פון וואו ער האָט געקענט פאַרדינען גאָר שיין פרנסה און אַזוי אַרום

בלייבן זיצן און לערנען.

דער בריסקער רב האָט דאָך נישט געוואָלט זיין פאַרנומען צו זיך מטפל זיין מיט אַלע מענטשן וואָס וואוינען אויף דער גאס און אַלע אַרומיגע טרדות, ווייל דאָס וואָלט אים געשטערט פון לערנען, דעריבער האָט ער געדינגען אַ מענטש וואָס זאָל זיך באַפאַסן מיט די אַנגעלעגנהייטן פון די אַלע הייזער, כדי אַז ער זאָל קענען לערנען רואיג.

## פאַרלירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן

אינצווישן האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה און דער בריסקער רב האָט געדאַרפט אַנטלויפן פון שטאָט אויף אַ שטיקל תקופה. שפּעטער ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשא, האָט ער געהערט די בשורה אַז דער מענטש וואָס האָט זיך מטפל געווען מיט די הייזער לעבט שוין נישט.

האָט דער בריסקער רב זיך געוואָנדן צו די אָרטיגע שטאָטראַט כדי צוריקצונעמען די גאַנצע גאס מיט הייזער. אָבער אַצינד איז אים נתברר געוואָרן אַז יענער מענטש איז געווען אַן אונטערוועלטניק. ער האָט פשוט איבערגעשריבן די גאַנצע גאס אויף זיין אייגענע נאָמען, און יעצט איז נישטאָ קיין שום זכר אַז די גאס באַלאַנגט פאַר'ן אמת'ן אייגנטומער. **דער בריסקער רב איז געבליבן בעירום ובחוסר כל.** ער האָט זיך געטראָפן אָן קיין שום מקור פון פרנסה, ווען זיין גאַנצע פאַרמעגן האָט מען אים צוגענומען.

## איזהו עשיר?! ווער ס'האט נישט קיין גאַס אין וואַרשא

זייענדיג אין אַזאַ מצב, **האָט דער בריסקער רב זיך מחזק געווען מיט'ן 'שער הבטחון' פון חובת הלבבות.** ער האָט דורכגעלערנט דעם שער הבטחון צענדליגער מאָל מיט אַ געוואַלדיגע התבוננות.

שפּעטער, נאָכ'ן דורכהאַרעווען אַזויפיל מאָל שער הבטחון האָט דער בריסקער רב זיך אויסגעדרוקט: **"ביז יעצט האָב איך געמיינט אַז אַ רייכער מענטש איז איינער וואָס פאַרמאָגט אַ גאַנצע גאַס אין וואַרשא, יעצט איז מיר נתברר געוואָרן אַז די אמת'ע עשירות איז איינער וואָס לערנט צענדליגער מאָל שער הבטחון!** ווייל די שלוות הנפש און די שמחה וואָס בטחון ברענגט, קען קיין גאַס אין וואַרשא נישט ברענגען".

## בטחון איז אַסאַך אַ גרעסערע מתנה ווי עשירות

דער בריסקער רב האָט פאַרשטאַנען אַז בטחון מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיין אַסאַך מער גליקליך מיט אַסאַך מער שמחת החיים און תענוג! **ער האָט געשפּירט אַז דער אויבערשטער האָט אים ממש מטיב געווען**, ווייל ווען ער וואָלט געבליבן מיט דעם גאַס אין וואַרשא, און מ'וואָלט אים געפרעגט: "ווי גייט עס מיט פרנסה", וואָלט ער געענטפערט: "נו נו, מען מוטשעט זיך, מען שטופּט עס דורך"...

מ'זעט היינטיגע צייטן די זעלבע זאַך ביי מענטשן וואָס פאַרמאָגן פופציג מיליאָן אָדער הונדערט מיליאָן דאָלער, אָבער זיי זענען אומרואיג, זיי מוטשען זיך פאר זייער געלט. זיי זענען פאַרנומען דערמיט יומם ולילה און זענען אַלעמאָל אין אַ לחץ מיט חששות אויב איינער נארט זיי אָפּ, מרבה נכסים מרבה דאגה.

אָבער ווען דער אויבערשטער העלפט און אַ איד לערנט שער הבטחון איז אים דאָך גוט. **נישטאָ קיין גליקליכער מענטש פון אים!** אשרי אדם בוטח בך!

## די תענוג פון דעם בעל בטחון איז דוקא ווען ער איז נישט פאַרזיכערט

אין די שיעורים פון בנו הגאון רבי **משולם דוד** זצ"ל, ברענגט ער בשם זיין פאָטער דער **בריסקער רב** ז"ל, אַז ער האָט מדייק געווען דעם לשון פון פסוק (תהלים כז, יד): **'קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'.** פאַרוואָס חזר'ט דוד המלך איבער נאָכאַמאָל 'וקוה אל ה' ביים סוף פון דער פסוק?!

האָט דער בריסקער רב געזאָגט פשט, אַז אַ מענטש וואָס האָט די מדה פון בטחון איז זוכה צו אַ מורא'דיגער תענוג, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים לז, ג): **'בטח בה' ועשה טוב וגו' והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך'.**

אָבער אָט די געוואַלדיגע תענוג פון דעם בעל בטחון איז בלויז וויבאַלד ער האָט נישט קיין גאַס אין וואַרשא! דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ער האָט אַזאַ גרויסע תענוג! ווייל טאָמער וואָלט ער 'יאָ געהאַט אַסאַך הייזער אין וואַרשא וואָלט ער זיך דעמאָלט אַביסל פאַרלאָזט דערויף און ער וואָלט נישט געקענט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן. **אַצינד אַז ער פאַרמאָגט גאָרנישט איז ער זיך גענצליך בוטח אויף דעם רבוש"ע** און דאָס ברענגט אים די דרגא פון 'והתענג על ה'.

## ויתן לך משאלות לבך; אַז ער זאָל נישט האָבן קיין גאַס אין וואַרשא

ווען איינער האָט בטחון אויף דעם שטאַפּל פון 'והתענג על ה' גיבט אים השי"ת משאלות לבו. **וואָס איז די משאלות לבו?! אַז ער זאָל נישט האָבן יעצט קיין פאַרזיכערטע געלט אויף די קומענדיגע צוואַנציג יאָר!** פאר אַזאַ איד גיבט דער אויבערשטער נישט קיין גאַס אין וואַרשא ווייל דער אויבערשטער ווייסט אַז אויב וועט ער דאָס האָבן וועט עס אָוועקנעמען פון זיין תענוג!

**ער באַקומט דערפון אַזאַ געוואַלדיגע תענוג וואָס ס'איז נישטאָ קיין בעסערע הנאה דערפון.**

די משאלות הלב פון אַזאַ איד איז אַז **ער וויל נישט זיין געדעקט מיט פרנסה אויף די קומענדיגע פערציג יאָר**, ווייל דער מענטש שפּירט אַז דאָס וועט אים צונעמען דעם תענוג פון בטחון וואָס ער האָט יעצט.

דער מענטש איז גוט מרגיש דעם גוטן געפיל פון בטחון און ער וויל דאָס נישט פאַרלירן! דאָס איז זיין משאלות לבו, און דער אויבערשטער העלפט אים טאַקע אַז ער זאָל אַלעמאָל קענען האָבן דעם תענוג וואָס בטחון ברענגט.

## די בעסטע שכר איז צו קענען לעבן אַלעמאָל מיט בטחון

דערמיט האָט דער בריסקער רב געזאָגט פשט אין דעם פסוק: 'קוה אל ה', ווען אַ מענטש פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן, באַקומט ער אַ שכר! **וואָס איז די שכר?! אַז ס'וועט זיין ווייטער 'וקוה אל ה'!**

דער רבוש"ע לייגט אים אַריין אין אַזעלכע מצבים וואו ער זאָל זיך אַלעמאָל דאַרפן מחזק זיין מיט בטחון, חזק ויאמץ לבך, און אַזוי וועט ער קענען נאָכאַמאָל האָפן צום אויבערשטן און וועט לעבן אַ חיים של תענוג, **נישט בלויז איינמאָל, נאר אַגאַנץ לעבן** וועט ער אייביג שפּירן דעם גרויסן תענוג פון בטחון!

## ס'איז נישטאָ קיין זיסערע עונג ווי זיין אָנגעהאָנגען אויף השי"ת

אָט דער יסוד פון דעם בריסקער רב זצ"ל דאַרף מען גוט אָפּלערנען און אַרויסהאָבן. ווען אַ מענטש פאַרשטייט אַז ער האָט נישט קיין שום עצה און קיין מהלך וויאַזוי זיך צו העלפן, דעמאָלט שפּירט ער אַזוי שטאַרק תלוי אין דעם רבוש"ע, עיני עמך בם תלוית, און **ער באַקומט אַזאַ זיסע הרגשה פון דעם פאַקט אַליין, אַז ער איז ממש אינגאַנצן אָנגעהאָנגען אין דעם אויבערשטן**, נישט האָבנדיג עפּעס אַנדערש וואָס זאָל אים גיבן אַ פאַרזיכערונג.

אַזוי האָט דער הייליגער **רוזשינער** זי"ע געטייטשט דעם פסוק (תהלים יג, ג): **'עד אנא אשית עצות בנפשי יגון בלבבי'** - ווילאַנג איך האָב נאָך עצות איז עס נאָך 'יגון בלבבי'; **בלויז ווען כ'האָב שוין נישט קיין שום עצה און קיין שום תחבולה קען איך זוכה זיין צו אַ גאַנצע שמחה.**

ווען אַ מענטש שפּירט די הרגשה, **ווערט זיין האַרץ און זיין מח אָנגעפולט מיט אַזאַ געוואַלדיגע תענוג**, וואוסנדיג אַז ער לעבט בלויז מיט'ן רבוש"ע!

אודאי איז דאָ אַסאַך מדריגות אין דעם. ס'איז נישט 'אָדער שוואַרץ אָדער ווייס', אָבער יעדעס מאָל וואָס דער מענטש טרעפט זיך אין אַ מצב וואָס ער קען זיך נישט העלפן, און ער פאַרלאָזט זיך דעמאָלט אינגאַנצן אויפ'ן אויבערשטן; ער האָט די הרגשה אַז "איך האָב נישט וויאַזוי צו ווערן געהאָלפן, איך וואַרף זיך אַרויף אויפ'ן אויבערשטן אַז ער גייט מיך זיכער העלפן"; דעמאָלט ווערט ער אַזוי שטאַרק מחובר צום רבוש"ע און **ער באַקומט דערפון אַזאַ געוואַלדיגע תענוג וואָס ס'איז נישטאָ קיין בעסערע הנאה דערפון.** בטחון ברענגט פאַר'ן איד אַזאַ שטאַרקע תענוג וואָס איז שטאַרקער פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט!

# על חיינו המסורים בידך; די געשמאַקע געפיל ווען מיר זענען פולקאָם איבערגעגעבן פאַר'ן רבוש"ע

## די תענוג פון דעם חסיד אין דעם פינסטערן אוישוויץ

דער באַקאַנטער שרייבער, הרב **דוד זאריצקי** ז"ל, פאַרציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין ידיד, אַ פאַרצייטישער חסידי'שער איד, הרה"ח ר' **שמואל בורנשטיין** ז"ל, וועלכער איז אַ פוילישער חסיד וואָס איז געווען מקורב צו הרה"ק בעל **אמרי אמת פון גור** זצ"ל. רבי שמואל פלעגט כל ימיו משתוקק זיין אַז הלואי זאָל ער נאָכאַמאָל שפירן איין האַלבע שעה פון תענוג וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט. ער האָט אַגאַנץ לעבן געבעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל נאָכאַמאָל טוען זיין יענע גוטע געפיל.

וואָס איז געווען די מעשה?!

האָט רבי שמואל פאַרציילט אַז איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט ער געהאַט אַ משפחה מיט נחת פון די קינדער. ער האָט פאַרדינט שיין פרנסה פון אַ קלייט, און ס'איז געווען 'תורה וגדולה במקום אחד'; אַלעס וואָס אַ איד קען זיך וואונטשן.

אין אַ שוואַרצן טאָג זענען די נאַציס ימ"ש אָנגעקומען. זיי האָבן באַפוילן אַז ער איבערלאָזן זיין גאַנצע פאַרמעגן און אַרויפגיין אויף אַ באַן. ער איז געוואָרן ערלויבט צו מיטנעמען איין רענצל וואָס וועגט פינף קילאָגראַם. ער האָט אָנגעפולט דעם קליינעם רענצל מיט גאָלד, זילבער, און טייערע חפצים און איז אַרויף אויפ'ן באַן.

דעמאָלט, פאָרנדיג אויפ'ן באַן, האָט ער געטראַכט צו זיך: "הער זיך איין, מ'האָט מיך צוגענומען מיין געשעפט, מ'האָט מיך באַרויבט פון מיין שטוב, אָבער כ'האָב נאָך ב"ה דעם רענצעלע מיט פינף קילאָ פון גאָלד און זילבער און כ'האָב מיט זיך מיין משפחה מיט קינדער".

אָנקומענדיג אין אושוויץ האָט ער געדאַרפט איבערלאָזן דאָס רענצל, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין שום פאַרמעגן. אָבער ער האָט געקלערט: "כ'האָב שוין נישט קיין איין פרוטה אָבער כאָטש געפינען זיך נאָך מיין ווייב און קינדער מיט מיר".

דערנאָך, ווען דער רשע ימ"ש האָט געמאַכט די שרעקליכע סעלעקציע און אים אָפּגעטיילט אויף די אַנדערע זייט פון זיין משפחה אויף אייביג, האָט ער געטראַכט: "כ'האָב שוין נישט גאָרנישט, אָבער כ'בין געבליבן מיט מיינע בגדים מיט וואָס איך בין אָנגעטון".

אָבער דאַן האָט מען באַפוילן אַז איידער מען גייט אַרבעטן דאַרף מען זיך אויסטון די קליידער און זיך אַרומוואַשן.

דערציילט רבי שמואל בורנשטיין ז"ל: "מען האָט אונז געהייסן אויסטון די קליידער און דאָס אַראָפּלייגן אין אַ צימער. בין איך געבליבן אויך אָן קיין בגדים.

"איך האָב זיך געטראָפן שטיין אין דעם מצב 'תחת כפת השמים', אָן אפילו קיין בגד אויף זיך, און כ'האָב געטראַכט: "איך בין געבליבן אָן גאָרנישט אויף דער וועלט. איך בין אין דעם ביטערסטע לאַגע וואו אַ מענטש קען זיך געפינען". האָב איך אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט מיט אַ דערשטיקטע שטימע: "**טאַטע אין הימל, מ'האָט מיך אַלעס צוגענומען, אָבער דו, מיין באַליבטע טאַטע, קען מיך קיינער נישט צונעמען**"!

"איך האָב באַמערקט אַז נעבן מיר שטייט אַ קאָמוניסט האָב איך אים געזאָגט: "זאָלסט וויסן אַז אפילו סטאַלין קען מיך נישט צונעמען מיין טאַטע אין הימל". יענער איז געוואָרן אויפגערעגט און רויט פאר כעס האָב איך אים געזאָגט נאָכאַמאָל: "סטאַלין קען מיך אַלעס צונעמען, אָבער דעם רבוש"ע קען ער פון מיך נישט אַוועקנעמען".

"איך בין אַזוי געשטאַנען אַהאַלבע שעה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָן זיך רירן. **איך מיט'ן רבוש"ע אליינס**. אין די האַלבע שעה האָב איך געשפירט אַזאַ נאָענטע 'קרבת אלקים' וואָס איך האָב קיינמאָל אין לעבן נשיט געשפירט. ס'איז אוממעגליך דאָס צו מסביר זיין. דערנאָך האָט מען אונז שוין אָנגעטון די לאַגער קליידער און מען האָט אונז געגעבן עפּעס צו נאַס מאַכן די ליפּן, אָבער דעמאָלט האָב איך שוין פאַרלוירן די טיפע געפיל פון תענוג."

הרב בורנשטיין ז"ל פלעגט אויספירן: "איך בין ב"ה באַפרייט געוואָרן פון אוישוויץ, איך וואוין אין ארץ ישראל וואו איך האָב **אַ שטוב מיט קינדער, איך האָב אַ הויז מיט פרנסה, אָבער אַגאַנץ לעבן בענק איך זיך צו דעם תענוג וואָס איך האָב דעמאָלט מרגיש געווען אין יענע האַלבע שעה. איך בין אַלעמאָל מתפלל אַז הלואי איך זאָל נאָכאַמאָל זוכה זיין צו שפירן די תענוג פון דעמאָלט**".

## ווי אַ קליין קינד ביי דער מאַמע

אַז מ'איז זיך מתבונן אין דער מעשה טרעפט מען דאָ אַן אויסטערלישע יסוד גדול פאר די גאַנצע סוגיא פון בטחון:

ס'איז נישט צום באַגרייפן די טיפע תענוג און הנאה יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש טרעפט זיך אין אַזאַ מצב, ווען ער איז באמת אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן; ער ווייסט אַז פאַרמאָגט גאָרנישט אויף דער וועלט, ער געפינט אין די הענט פון דעם רבוש"ע, און ער קריגט זיך נישט דערמיט; ער וויל נישט עפּעס אַנדערש; ער טראַכט בכלל נישט קיין מחשבות וויאַזוי ער גייט זיך העלפן; **ער האָט בלויז די איין מחשבה אַז "איך בין תלוי ביד הקב"ה"**.

דוד המלך זאָגט (תהילים קלא, ב): '**כגמול עלי אמו, כגמול עלי נפשי**', און רש"י איז מסביר דעם טייטש: '**כגולם מוטל לפניך**'. פונקט ווי אַ ניי-געבוירן קינד קען זיך גאָרנישט העלפן און ער איז בלויז אָנגעוויזן אויף די מאַמע, אַזוי איז דער איד אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, **ער פרובירט ניטאַמאָל צו טרעפן עצות וויאַזוי זיך צו העלפן**. און ס'איז אים זייער געשמאַק אַזוי אין דעם מצב!

## לאָז שוין אָפּ אַלע עצות ותחבולות

צומאָל זענען זיך מענטשן טועה אין אַזאַ מצב, אַז **אפילו ווען זיי טראַכטן פון בטחון מישן זיי דאָרט אַריין הונדערטער מחשבות וויאַזוי זיי קענען זיך אַן עצה געבן**: "אָה, דער באַשעפער האָט געהאָלפן. ס'איז מיר יעצט איינגעפאַלן אַ מחשבה וויאַזוי כ'קען זיך העלפן". לאָז שוין אָפּ! טראַכט נישט יעצט פון קיין לעזונגען, טראַכט נישט יעצט וועגן וואָס ס'גייט זיין.

מענטשן מאַכן דעם טעות צו זיין אַ 'חוקר אחר העתידות' ווען ער טרעפט זיך אין אַ מצב פון אַן ענגשאַפט. ער איז טאַקע נישט קיין חוקר אחר העתידות פון וואָס ס'גייט זיין פופציג יאָר אַרום, אָבער ער טראַכט יאָ וועגן דעם עתיד פון דעם מצב וואו ער געפינט זיך יעצט; אפשר קען מען טון אַזוי אָדער אפשר קען מען טון אַזוי.

מ'דאַרף זאָגן פאר אַזאַ איד: **טראַכט בכלל נישט וועגן דעם סוף! לאָז גענצליך אָפּ די אַלע מחשבות בנוגע וואָס די תוצאה גייט זיין!** זיי זיך בלויז מתבונן אין איין זאַך: "איך געפין זיך יעצט אין אַ מצב וואָס איך בין געוצליך תלוי ביד הקב"ה. מיין גאַנצע לעבן איז אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן". אין דער מינוט וואָס אַ איד וועט זיך לאָזן באַקומען די הרגשה, וועט ער שפירן אַ מורא'דיגע חיבור צום רבוש"ע און דאָס אַליין גייט אים ברענגען אַ געוואַלדיגע תענוג!

## אויסנוצן און הנאה האָבן פון דעם יעצטיגן מאָמענט

דער יצר הרע פרובירט צו אַוועקנעמען דעם תענוג פון אַ מענטש. דעריבער ווען דער מענטש געפינט זיך שוין ממש ביים שוועל, **ווען ער קומט שוין כמעט אָן צו די הרגשה אַז ער איז תלוי ביד הקב"ה, וואַרפט אים דער יצר אַריין אַלע סאָרט מחשבות** וויאַזוי זיך אַליין צו העלפן: "אפשר איז דאָ עפּעס אַ טיר וואו כ'קען אַנטלויפן... אפשר קען מיך יענער העלפן..." אָדער הייבט ער אָן זיך זאָרגן: "וואָס גייט למעשה זיין די תוצאה?! אודאי גלייב איך אַז דער אויבערשטער איז אַ 'טוב ומטיב', אָבער וועט דאָס זיין אַ 'טוב הנגלה' אָדער אַ 'טוב הנסתר'?!"... און אַזוי ווערט ער פאַרנומען מיט מחשבות וויאַזוי זיך צו העלפן.

טראַכט שוין נישט אַזויפיל וויאַזוי צו אַרויסגיין פון דעם מצב! נוץ אויס דעם יעצטיגן מאָמענט, **לעב די מינוט וואָס דו שפירסט אַז דו ביסט תלוי אין דעם אויבערשטנס הענט און קיינער קען דיך העלפן**. דו האסט זיך יעצט אַריינגעזעצט אונטער די פליגלען פון דעם רבוש"ע! אַזאַ מחשבה איז אַזוי שטאַרק מקרב דעם מענטש צום אויבערשטן און עס ברענגט אַזאַ געוואַלדיגע תענוג!

יעדער מענטש וואָס געפינט זיך דאָ אויף דער וועלט קען זוכה זיין צו אָט די הרגשה. הגם ס'איז דאָ אַסאַך דרגות דערינען, אָבער **ס'איז נישט קיין תענוג וואָס מ'דאַרף זיין אַ גרויסער 'עובד', אָדער אַ ריזיגער 'בעל מדריגה' צו אָנקומען דערצו.** מ'דאַרף בלויז מסיח דעת זיין פון אַלע תחבולות און זיך לאָזן שפירן די הרגשה אַז מ'איז אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן.

## נישט פאַרשפילן די געוואַלדיגע געלעגנהייט

עס לוינט זיך פשוט נישט צו פאַרפאַסן דעם געוואַלדיגן געפיל פון תענוג ווען מען געפינט זיך אין אַזאַ מצב פון ענגשאַפט.

דאָס איז פונקט ווי **ס'מאַכט זיך אַסאַך מאָל אַז מענטשן האָבן גאָר דערהויבענע מאָמענטן אין זייער לעבן, אָבער זיי פאַרפאַטשקענען עס מיט זייטיגע מחשבות.** צום ביישפיל, אַ איד מאַכט חתונה זיין קינד, אָבער אַנשטאָט טראַכטן פון דעם מציאות אַז ב"ה ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ שמחה און דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן, **איז ער פאַרנומען מיט אַלע ערליי חשבונות.** ער איז פאַרנומען מיט וועמען ער דאַרף טאַנצן און מיט וועמען ער דאַרף זיך יעצט אָפּרעכענען. שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע מענטשן וואָס לייגן אַריין די קאָפּ אין אַזעלכע נאַרישקייטן ווי בילדער, וכדומה.

דאָס זעלבע איז דאָ צומאָל ווען אַ מענטש האָט געמאַכט אַ סיום אויף מסכתא, אָבער ער איז נישט דאָרט. אַנשטאָט ער זאָל טראַכטן פון די זכי' אַז ער האָט זוכה געווען צו לערנען תורת ה' און דאַנקן השי"ת דערפאַר, איז ער עוסק צו זען ווער ס'איז יאָ אָדער נישט געקומען און אויב דאָס עסן און די מוזיק איז גוט. **וואָלט ער ווען מסיח דעת געווען פון די אַלע זאַכן, וואָלט ער מרגיש געווען אַזאַ תענוג פון אַ חיבור צום אויבערשטן.**

> „טאַטע אין הימל, מ'האָט מיך אַלעס צוגענומען, אָבער דו, מיין באַליבטע טאַטע, קען מיך קיינער נישט צונעמען"!

## מאַך צו די לעקטער און לעב מיט'ן באַשעפער אַליין

ס'איז דאָ אַסאַך אַזעלכע סאָרט מצבים ווען אַ איד קען זיך מער מחבר זיין צום אויבערשטן. דערפאַר איז געווען דער מנהג ביי אַסאַך חסיד'יש מקומות אַז מען האָט געפּראַוועט שלש סעודות אין דער טונקל.

עס שטייט אויף דעם פאַרשידענע העכערע ענינים, אָבער אפילו בפשטות איז דאָ אַ הסבר דערצו, ווייל ווען די אויגן זענען אָפן איז דער מענטש מסיח דעת. ער זעט הונדערט זאַכן אַרום און ער מאַכט חשבונות: "וואָס איז מיט יענעם? אפשר קוקט איינער אויף מיר?", און אַזוי טראַכט ער פאַרשידענע מחשבות און דערווייל זאָגט ער 'ידיד נפש'. **ס'איז דאָך ממש אַ שאָד! פאַרוואָס זאָלסטו נישט זיין דאָ אינגאַנצן?!**

דערפאַר פרובירט מען העלפן דעם מענטש און מען מאַכט טונקל אין בית המדרש. ווען מ'האָט פאַרמאַכטע אויגן העלפט דאָס אַז מ'זאָל נישט מסיח דעת זיין. **אָבער ס'איז נישט גענוג בלויז צו פאַרמאַכן די אויגן, די עיקר געדאַנק איז צו פאַרמאַכן די טרדות המחשבה וואָס לויפט אַרום אַגאַנצן צייט.** לאָז שוין אָפּ אַלעס! "איך בין יעצט בידיו של הקב"ה, מיין גאַנצע לעבן איז בידיו של הקב"ה". **ווען אַ איד זאָל אַזוי לעבן וואָלט ער מרגיש געווען אַ געוואַלדיגן תענוג!**

ד

# כבר שביא דמתחנן לשבוייה; נישטאָ קיין בעסערס אויף דער וועלט ווי זיין גענצליך בידיו של הקב"ה

## אין אושוויץ האָט מען עס געזען בחוש, אָבער ס'איז אַלעמאָל אמת

לאָמיר זיך מתבונן זיין: דער חסיד, ר' שמואל בורנשטיין ז"ל, האָט זוכה געווען צו די גרעסטע תענוג וואָס איז נאָר פאַראַן, דעמאָלט **ווען פון הימל האָט מען אים צוגעברענגט צו אַ מצב ווען ער האָט געשפּירט בחוש אַז ער איז יעדע סעקונדע אין דעם באַשעפערס האַנט**; ער האָט גאָרנישט און ער קען זיך גאָרנישט העלפן אפילו מיט אַ טרינק וואַסער אָדער מיט אַ בגד; ער קען בלויז טראַכטן אַז "איך בין אין די הענט פון דעם אויבערשטן".

אָט דער מציאות, אַז דער מענטש געפינט זיך בידיו של הקב"ה, איז אָבער אַלעמאָל אמת און גילטיג! דאָס איז נישט בלויז געווען אמת אינמיטן די מלחמה אין אושוויץ. **דאָס פּאַסירט יעדע מינוט ביי יעדן מענטש, וואו אימער ער געפינט זיך!** די איינציגע חילוק איז אַז אין אושוויץ האָט ער זיך געקענט שנעלער מחבר זיין צו אָט דעם אמת.

אָבער ווילאַנג דער מענטש האָט אַסאַך זאַכן וואָס האַלטן אים אונטער, פאַרגעסט ער פון דעם אמת. **ער שפּירט אַז ער איז מסודר.** ברוך ה' ער האָט אַ גוטע פרנסה, אָדער איז דאָ אַ משפחה מיטגלידער וואָס שטיצט אים. ער האָט אַ שטוב מיט קינדער. און די אַלע זאַכן זענען מעכב אַז דער מענטש זאָל נישט קענען לעבן מיט יענעם ריינעם אמת אַז: **"כל הנשמה תהלל, על כל נשימה ונשימה תהלל קה".** - דער אויבערשטער בלאָזט יעצט אַריין אין מיך אַ שטיקל לעבן, וואָס וועט זיין מאָרגן?! איך ווייס נישט!

## די מאה ברכות ברענגען אונז די אמת'ע הכרה

אַ איד דאַרף צוקומען צו אַזאַ הבנה אַז **אפילו ווען ער איז אַרומגענומען מיט אַלעס גוטס, זאָל ער נאָך אַלס האָבן די מחשבה אַז ער ווייסט נישט וואָס גייט זיין מאָרגן**, און די מחשבה זאָל אים בכלל נישט מטריד זיין דעם מח. פאַרקערט! עס זאָל אים ברענגען אַ תענוג ווייל ער שפירט אַז ער געפינט זיך בידיו של הקב"ה.

דאָס איז בעצם די גאַנצע תכלית פון תורה ומצוות אַז דער מענטש זאָל יעדן טאָג לעבן אויף אַזאַ סאָרט אופן. **דערפאַר האָבן אונז חז"ל מתקן געווען די מאה ברכות**, אַז אַ איד זאָל אופשטיין אינדערפרי און זיך מתבונן זיין: "דער אויבערשטער האָט מיך יעצט געגעבן מלבושים, איך דאַנק דיך רבוש"ע! אפשר וועל איך אַ מינוט נישט האָבן קיין מלבושים, אפשר איז זיך מיר בכלל נישט געקומען קיין מלבושים, אָבער דער אויבערשטער האָט מיך עס געגעבן ברוב חסדו וטובו".

דאָס זעלבע ווען אַ מענטש זעצט זיך אַראָפּ עסן, איז ער נישט מסיח דעת צו זיין פאַרנומען מיט נייעס אָדער אַנדערע שטותים, ווייל ער שפירט אַז **דער אויבערשטער זיצט מיט אים און דער רבוש"ע פיטערט אים לעפל נאָך לעפל.** דערפאַר שטייט אין **ספרי יראה** אַז מ'זאָל זאָגן דעם קאַפּיטל פון 'מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר' בעפאַר מען זעצט זיך עסן.

אַזאַ איד בענטשט ברכת המזון מיט דעם זעלבן געפיל, אַז **דער אויבערשטער האָט מיך יעצט געגעבן וואָס איך האָב געדאַרפט** און ער בעט ווייטער: **"רבוש"ע העלף מיך אַ מינוט אַרום אויך!"** איך ווייס נישט וואָס וועט זיין שפּעטער און איך טראַכט אפילו נישט דערפון, ס'איז מיר בכלל נישט וויכטיג צו וויסן וואָס גייט זיין מאָרגן".

## די גרעסטע יסורים; ווען מ'האָט נישט קיין יסורים

ס'איז דאָ אַ הייליג וואָרט פון הרה"ק רבי **אשר**

**הגדול מסטאָלין** זי״ע, דער טאַטע פון דעם **בית אהרן** זי״ע, וואָס האָט געזאָגט: **"די גרעסטע יסורים וואָס דער מענטש קען האָבן איז אַז ס'זאָל אויף אים דורכגיין פערציג טעג אָן קיין יסורים"**. ווי עס שטייט שוין אין **גמרא** (ערכין טז, ב) אַז "כל שעברו עליו ארבעים יום בלא יסורין" דאַרף ער חושש זיין, ווייל אַזאַ מענטש איז אַזוי ווייט פון דעם אויבנדערמאָנטן געפיל. **ער האָט נישט קיין שום שייכות צו די הרגשה פון זיין אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע!** ער באַקומט און ער טוט אַלעס וואָס ער וויל אָבער ער האָט בכלל נישט די תענוג פון זיין תלוי אויף דעם אויבערשטן.

ווידעראום אַ מענטש וואָס זיין טאָג איז אים נישט געגאַנגען וויאַזוי ער האָט געוואָלט און ער טראַכט: "איך ווייס נישט וואָס גייט דאָ זיין, איך בין אין די הענט פון דעם רבוש"ע אינגאַנצן". **אָט די מחשבה אַליין גיבט אים אַזאַ געוואַלדיגע חיות און תענוג**, און דאָס וויל אונז דער רבוש"ע טאַקע געבן.

צומאָל איז דאָ מענטשן, וואָס ווען זיי טראַכטן וועגן בטחון, ווערן זיי גלייך זייער פאַרנומען מיט די שאלה: "וואָס גייט זיין די תוצאה דערפון?! איך האָב בטחון אַז דער אויבערשטער גייט העלפן און איך וויל אַז ס'זאָל טאַקע געשען אַזוי און אַזוי..." דער מענטש מאַכט זיך אַלע סאָרט פּלענער און ער האָפט אַז אַדאַנק זיין בטחון וועט דאָס טאַקע פּאַסירן.

לאָז שוין אָפּ אַזעלכע מחשבות! **בטחון איז טייטש ווען דער מענטש שפּירט: "עינינו לך תלוית"**. ער האָט נישט קיין שום פּלאַן, און דאָס אַליין ברענגט אים אַ מורא'דיגע חיבור מיט דעם רבוש"ע. **איך ווייס נישט וואָס גייט צום סוף, אָבער ס'איז מיר בכלל נישט משנה.** איך האָב הנאה פון דעם עצם מציאות אַז איך שפּיר ווי דער רבוש"ע איז מיט מיר! **איך אָטעם מיט דעם געפיל אַז דער אויבערשטער באַגלייט מיך!** וואָס גייט זיין שפּעטער?! איך ווייס נישט און ס'איז מיר אַ שאָד צו טראַכטן דערוועגן!

## דאָס נעימות פון זיין אַ געפאַנגענער ביים באַשעפער

יעדן טאָג ביי סליחות זאָגן מיר: **"מרן דבשמיא לך מתחננן, כבר שביא דמתחנן לשבוייה"**. אונז זענען זיך מתחנן פאַר'ן רבוש"ע אַזוי ווי אַ געפאַנגענער איז זיך מתחנן צו דעם וואָס האָט אים געפאַנגען. דער שבוי ווייסט אַז ער איז נישט אין זיין אייגענע רשות, מ'קען אים יעדע מינוט הרג'ענען, און מיט די הרגשה בעטן מיר: **"כולהון בני שביא בכספא מתפרקין"** - אַלע אַנדערע שבויים ווערן אויסגעלייזט מיט געלט, אָבער **"ועמך ישראל ברחמי ובתחנוני"**, און דערפאַר זענען מיר מתפלל: **"הב לן שאלתין ובעותין"** - נעם אָן אונזערע תפלות, **"דלא נהדר ריקם מקדמך"**. דאָס זעלבע זאָגט מען ווייטער: **"כעבדא דמתחנן למריה, עשיקי אנן ובחשוכא שרינן"**.

דאָס זענען אַזעלכע ליכטיגע ווערטער! ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע תענוג'דיגע ווערטער ווי דעם. ווען מיר בעטן זיך ביים רבוש"ע ווי אַ שבוי האָבן מיר אַזאַ הנאה ווייל מיר ווייסן זייער קלאָר: **איך האָב נישט קיין שום וועג אַרויס! איך בין אין די הענט פון דעם אויבערשטן און אַזוי בין איך מחובר צום מקור הטוב!** כ'בין זיך מתחנן פאַר השי"ת: לאָז מיך נישט אָפּ! איך וויל זיין מיט דיר! איך זאָג דיר נישט וואָס צו טון אָבער איך בעט דיך אין בקשה: העלף מיר אַז כ'זאָל אַלעמאָל קענען בלייבן מיט דיר. דאָס אַליין איז מיין בקשה!

**ס'איז נישט קיין תענוג וואָס מ'דאַרף זיין אַ גרויסער 'עובד', אָדער אַ ריזיגער 'בעל מדריגה' צו אָנקומען דערצו.**

## ווען מ'איז אָנגעהאָנגען אויף יענעם ברענגט עס אהבה

ס'איז באַקאַנט אַז אַפילו אויף דער וועלט איז דאָ אַזאַ אינטערעסאַנטע ערשיינונג וואָס קען פּאַסירן ביי מענטשן וועלכע זענען געפאַנגען געוואָרן דורך אַנדערע, אַז נאָך אַ לענגערע צייט אַנטוויקלען זיי אַ געפיל פון אָנגעוויזנקייט און ליבשאַפט צו זייערע פאַנגער און זיי ווילן ניטאַמאָל אַוועקגיין פון דאָרט (stockholm syndrome).

די הסבר דערצו איז אַז **ווען אַ מענטש איז גענצליך אָנגעהאָנגען אין איינעם, ווערט ער מחובר צו יענעם.** ער ווייסט אַז זיין לעבן ליגט ביי יענעם, זיין עסן און אַלע זיינע באַדערפענישן קומט פון יענעם, דאָס איז גורם אַז ער זאָל אָנהויבן שפּירן אָנגעוויזן אויף יענעם. דאָ קומט אויך אַריין די סוגיא פון מענטשן וואָס ווערן צו שטאַרק אָנגעוויזן אויף אַנדערע, ווייל זיי שפּירן אַז יענער גיבט זיי אַ גוט וואָרט אָדער יענער באַשטעטיגט אַז זיי זיי זענען גוט. אַסאַך מאָל איז דאָס טאַקע אויף אַ נישט גוטע אופן און מ'דאַרף דאָס אָפּהאַקן.

אָבער במציאות איז דאָ אַ שטאַרקע עמאָציאָנאַלע געפיל וואָס דער מענטש אַנטוויקלט ווען ער איז אָנגעהאָנגען אויף יענעם. ער באַקומט ממש אַן אהבה צו איינעם וואָס גיבט אים אַלעס. דאָס זעט מען אויך ביי אַ קליין קינד מיט זיין מאַמע. דאָס קינד פון אַ וואָך אַלט האָט נאָכנישט קיין אותיות צו מסביר זיין די אהבה, אָבער **ס'איז אַן נאַטירליכע הרגשה וואָס קומט פון דעם וואָס זיין גאַנצע מציאות און זיין גאַנצע חיות איז אָנגעהאָנגען און קומט פון די מאַמע, דאָס ברענגט אַ געוואַלדיגע חיבור.** ווען אַ איד שפּירט אָט דעם חיבור צום רבוש"ע, וואָס איז דער מקור פון זיין גאַנצע לעבן, גיבט אים דער געפיל אַליין אַ מורא'דיגע תענוג וואָס האָט נישט קיין גלייכן.

## צדיקים האָבן אַלעמאָל געהאַט די הרגשה

ווען מען פאַרשטייט אַז די תענוג וואָס קומט פון בטחון, איז בכלל נישט אָנגעוואָנדן אין די תוצאות. **די תענוג קומט בלויז פון דעם עצם מצב אַז ער איז גענצליך איבערגעגעבן אין די הענט פון השי"ת.** דאָס אַליין ברענגט די מאַקסימום תענוג.

למעשה פאַסירט אָבער, אַז דער מענטש שטייט אויף אינדערפרי און ער זעט אַז ס'איז ב"ה דאָ גענוג עסן. ער האָט פון אַלעם גוטן. דאָס מאַכט אַז ער זאָל נישט קענען שפּירן אָט דעם געפיל פון זיין אָנגעוויזן אינגאַנצן אויפ'ן אויבערשטן.

אויסער די גרויסע צדיקים, וואָס זיי האָבן טאַקע יאָ געקענט לעבן מיט דער הגשה, טראָצדעם וואָס זיי האָבן געהאַט אַלע גשמיות לרוב, האָט דאָס בכלל נישט אָנגערירט זייער האַרץ, און זיי זענען געבליבן די זעלבע תלוי בידיו של הקב"ה, כאילו זיי פאַרמאָגן גאָרנישט. אַזוי ווי הרה"ק רבי **אברהם יעקב מסאַדיגורא** זי"ע האָט געזאָגט זיצנדיג אין תפיסה: "מה לי הכא מה לי התם?". **ס'איז אים נישט געווען קיין נפקא מינא אויב ער זיצט אין דעם מלכות'דיגן סאַדיגורא הויף אָדער ער זיצט אין תפיסה**, ווייל זיין תענוג איז אַלעמאָל געקומען בלויז פון דער הרגשה אַז ער איז אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע, אָפּגעזען פון די אַרומיגע אומשטענדן.

## ביי פשוט'ע מענטשן קומט דער געפיל אַרויס בשעת מצוקה

בלויז ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַן ענגשאַפט האָט דאָס די מעגליכקייט אים צו ברענגען נאָנטער, **אַז ער זאָל יאָ שפּירן דעם אמת אַז ער איז אינגאַנצן בידיו של הקב"ה.** צדיקים האָבן אַלעמאָל געהאַט דעם געפיל, אָבער ביי אונז פשוט'ע מענטשן קומט דאָס שטאַרק אַרויס **ווען מ'טרעפט זיך אין אַן עת צרה, און מ'ווייסט נישט וואָס וועט זיין אין אַ מינוט אַרום.** דעמאָלט קען מען זוכה זיין צו דעם גאָר געשמאַקן תענוג אויב מ'טראַכט די ריכטיגע מחשבה פון בטחון.

אונזער אַרבעט איז דעריבער אַז מ'זאָל אַלעמאָל אַזוי לעבן. **איך ווען אַלעס גייט גוט און אויך ווען אַלעס פאַרט אָן קיין פּראָבלעמען!**

## על נסיך שבכל יום עמנו

ס'איז געווען ביי אַן אדם גדול פון דעם לעצטן דור, אַז זייענדיג אין טיפן עלטער האָט אים דער דאָקטער אַמאָל אונטערזוכט און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרוקט: "איך האָב יעצט אונטערזוכט דעם געזונט צושטאַנד פונעם רב און כ'וויל אייך זאָגן אַז איר לעבט ממש אויף נסים!" האָט דער גדול אויפגעהויבן די אויגן און אים געענטפערט מיט אַ פשטות: **"איר, דאָקטער, לעבט אויך אויף נסים"...**

דאָס איז דאָך דער אמת. על נסיך שבכל יום עמנו. **מיר לעבן אַלע אויף די חסדי השי"ת יעדע רגע.** מיר זענען נאָר נישט מחובר צו דער מחשבה און דערפאַר האָבן מיר נישט דעם תענוג אַלעמאָל.

ה

# עינינו לך תלויות עד שתחנינו; ראש השנה באַקומט אַ איד תענוג דוקא פון דעם פחד יום הדין

## אַ געהויבענער ראש השנה מיט די אויגן צום אויבערשטן

ווען מיר טרעטן צו לקראת דעם אימת הדין פון ראש השנה מיט אָט דער ידיעה, אַז ס'איז אַ טאָג ווען אַלע נבראים גייט אַריבער 'כבני מרון' און דער אויבערשטער משפט אונז לחיים או למות, האָט דער ידיעה אַליין ביכולת צו ברענגען פאַר'ן מענטש די גרעסטע תענוג וואָס איז נאָר שייך.

דער משפט פון ראש השנה, וואָס מיר זאָגן ביי 'ונתנה תוקף', דאַרף נישט גורם זיין קיין פּחד, און נישט קיין היסח הדעת, נאר **עס דאַרף פשוט גורם זיין דעם תענוג פון דעם עצם פאַקט אַז מיר זענען גענצליך אָנגעהאָנגען אויף'ן באַשעפער**, ווי מיר זאָגן אין דעם נוסח פון היה עם פיפיות: '**עין נושאים לך השמים**'. אונזער הארץ מיט אונזער גאַנצע מהות בעט זיך ביים רבוש"ע: "רבוש"ע! זיי מיט אונז! איך בין אינגאַנצן אין דיינע הענט!". **אָט די מחשבה זעלבסט איז אַזאַ תענוג!** אַ איד וואָס לעבט דורך זיין ראש השנה מיט די מחשבה, איז זוכה צו אַזאַ וואַרימע ראש השנה אַז ס'איז גאָרנישט שייך דאָס צו מסביר זיין!

## זכרינו לחיים – צו אַ קשר מיט'ן אויבערשטן

אויך די אַלע תפלות פון ראש השנה וואו מען בעט: 'זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים', זאָגט אַ איד מיט אַן הכנעה. **ער קריגט זיך נישט חלילה מיט דעם רצון ה'.** ער פּרובירט נישט משכנע צו זיין דעם רבוש"ע דורך שטאַרק קלאַפּן מיט די פיס אויף דער ערד...

דאָס אַליין, אַז ער בעט זיך ביים אויבערשטן פאַר זיין לעבן, **ברענגט אים אַזאַ רואיגקייט**, ווייל ער לעבט מיט דעם מציאות אַז ער איז אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע. "וואָס דאַרף איך טון דערוועגן?! איך דאַרף פשוט רעדן צום רבוש"ע אַז ער זאָל מיך ווייטער נישט אַרויסלאָזן פון אונטער זיינע הענט, העלף מיר רבוש"ע אַז איך זאָל אַלעמאָל זיין אונטער דיינע פליגלען". די פשט פון דער תפלה 'זכרינו לחיים' אַז אַז מיר זאָלן אַלעמאָל זיין מחובר צום רבוש"ע, דער מקור החיים.

## לא ארפך ולא אעזבך

ווען אַ איד לעבט מיט אַזעלכע מחשבות, **ווייל ער קיינמאָל נישט אָפּלאָזן דעם רבוש"ע**. ער וויל נישט זאָגן נאָכ'ן דאַווענען: "אָקעי, מ'האָט געענדיגט הונדערט תקיעות, יעצט גייט מען עסן פלייש... כ'בין שוין געשטאַנען אויף די פיס זעקס זיבן שעה, יעצט לאָז מיך אָפּ, איך דאַרף מנוחה... ס'שטייט דאך אין שלחן ערוך אַז מ'דאַרף עסן אַ סעודה..."

דער איד וויל בכלל נישט אָפּלאָזן, ווייל ס'איז אים פשוט גוט דער מצב און **ער איז גערן מסכים צו בלייבן מיט די זעלבע הרגשה אויך ביי דער סעודה.** ער איז בכלל נישט אָנגעשטרענגט, ווייל די גאַנצע אָנגעצויגנקייט קומט בלויז אויב דער מענטש קריגט זיך מיט אַ מצב, אָבער אויב לעבט ער מיט אַן הכנעה צום רבוש"ע איז אים גוט אויפ'ן האַרץ.

## די אומרואיגקייט פון נישט וויסן וואָס מ'דאַרף שפּירן

סתם אַזוי איז וויכטיג צו וויסן אַ כלל: ווען שפּירט אַ מענטש דאָס מערסטע אומבאַקוועם און נישט געשמאַק? **ווען ער געפינט זיך אַ מצב ווען זיין נפש דאַרף עפּעס שפּירן, און ער ווייסט נישט וואָס גענוי ער דאַרף יעצט פילן.** אַזאַ סיטואַציע ברענגט אים אַ געוואַלדיגע בלבול און אומבאַקוועמליכקייט.

דאָס קען זיך אָפּט מאַכן בין אדם לחבירו. דער מענטש ווייסט נישט אויב ער דאַרף יעצט זיין שטרענג מיט יענעם, אָדער ער דאַרף זיין ליבליך מיט יענעם. דאַרף איך יעצט שרייען אָדער דאַרף איך מסכים זיין צו אַלעס וואָס ער זאָגט? אַדאַנק דעם טוט מען טאַקע די נישט ריכטיגע זאַך, מ'איז אינגאַנצן מבולבל און מ'שפּירט נישט גוט מיט זיך אַליין.

אָבער ווען דער נפש פאַרשטייט פונקטליך וואָס מ'דאַרף יעצט שפּירן און טראַכטן, דעמאָלט איז נישטאָ קיין גרעסערע רואיגקייט דערפון.

## די הכנעה ביים זאָגן 'ונתנה תוקף'

דער בעל בטחון שטייט אין אַזאַ טאָג פון ראש השנה, ווען מען פסק'נט אים אויס, און ער איז זייער רואיג, ווייל ער ווייסט אַז ער גייט זיך נישט קריגן און נישט זיין פּאַרטומלט: "איך האָב אינזין 'אין אדם מלבדו', איך בין אין די הענט פון דעם רבוש"ע, און ער קען מאַכן מיט מיר וואָס ער וויל".

ס'איז דאָ אַסאַך מענטשן וואָס ווען מ'זאָגט 'ונתנה תוקף' האָבן זיי נישט קיין מושג וואָס צו טראַכטן. זיי ווייסן אַז אָפּיציעל הייסט דאָס זייער אַן ערנסטע שטיקל און אַז מ'דאַרף ווערן דערשראָקן. אָבער דער אמת איז אַז דאָס איז פשוט געמאַכט אונז צו דערמאַנען: **איך בין אין די הענט פון דעם אויבערשטן און איך זאָג אים נישט וואָס צו טון.** איך שריי נישט העכער ביי 'מי יעשר' און איך קלאַפּ נישט ביי 'מי יעני', כאילו ווי צו זאָגן 'נאר דאָס נישט'... איך ווייס אַז כ'האָב נאר איין מהלך: אַנטלויפן צום רבוש"ע אין די הענט!

## אַנטלויפן צום אויבערשטן

ס'איז דאָ אַ לשון אין די פּיוטים (פיוט כתר מלכות, לר"ש אבן גבירול): '**ממך אליך אברח**' – אַ איד זאָגט פאַר'ן אויבערשטן: איך אַנטלויף פון דיר צו דיר! ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ מצב פון אַ שטאַרקע יראה איז ער נישט מסיח דעת, נאָר ער אַנטלויפט צום אויבערשטן און ער באַקומט דערפון אַזאַ תענוג נפלא.

אויב מען איז יאָ מסיח דעת קען מען קיינמאָל נישט זוכה זיין צו אָט דעם תענוג. דער מענטש וואָס דרייט זיך אינדרויסן ביים דאַווענען ראש השנה און קוקט אויפ'ן זייגער אָדער ציילט די בלעטער, **האָט דאָך סתם אַ שטאַרקע צער.** ער איז אַזוי ווייט פון תענוג.

ווי זיס איז פאר דעם איד וואָס האָט אַן אמת'ע יראה ראש השנה אָבער ער ווייסט וואָס צוטון מיט דעם יראה. ער נעמט דעם יראה געפיל אַליין און ער מאַכט דערפון אַן עבודה פון זיך מכניע זיין צום אויבערשטן. **ער טראַכט נישט יעצט וועגן אַלע מענטשן וואָס זענען געשטאָרבן היי יאָר און אפשר גייט ער אויך שטאַרבן, ניין, נישט דאָס איז די נקודה.**

אודאי שאָקלט דער אויבערשטער די וועלט – אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר דאָך אַלע מיטגעלעבט דעם אָפּטייטש פון "ועל המדינות בו ייאמר איזו לחרב" – אָבער וואָס איז די מסקנא דערפון?! **די תכלית דערפון איז אַז דער מענטש זאָל פאַרשטיין ווי שטאַרק ער איז אָנגעהאָנגען אויף דעם אויבערשטן!**

## מקבל זיין חיות פון די בקשה זעלבסט

אויך ווען אַ איד איז מתפלל פאַר 'חיים טובים', שטייט אין אַלע ספרים הק', אַז מען איז דעמאָלט מתפלל אַז מ'זאָל זיין מחובר צום אויבערשטן דער מקור החיים, און אַז מ'איז מחובר צו השי"ת האָט מען שוין אַלעס, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אפילו ווען ער בעט אויף גשמיות: אבינו מלכינו שלח רפואה שלמה לחולי עמך, אבינו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה, און פאר אַלע אַנדערע זאַכן וואָס אַ איד דאַרף האָבן, נעמט ער בעיקר זיין חיות **פון דעם עצם מציאות אַז ער קען שטיין פאר דעם רבוש"ע מיט אַן הכנעה** און זיך בעטן פאַר זיין לעבן.

די עצם בקשה גיבט אים אַסאַך מער תענוג ווי די מחשבה אויב ס'גייט טאַקע ברענגען די תוצאות וויאַזוי ער וויל, ווייל ער ווייסט אַז די אַלע גשמיות'דיגע זאַכן וואָס פעלן אים, זענען אַלעס מיטלען, אים צוברענגען נענטער צו דעם מצב פון זיין אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן. די אַלע תפלות אויף גשמיות מאַכט אַז ער זאָל טאַקע בעסער שפּירן די תענוג אַז ער איז בידיו של הקב"ה.

## אשרי איש שלא ישכחך!

דער אמת איז אָבער אַז רובא דרובא פון די תפלות ראש השנה בעט מען בלויז אויף קרבת אלקים, קוים וואָס מ'דערמאָנט וועגן די גשמיות'דיגע צרכים. די גרעסטע ראי' דערצו איז דער סדר פון 'זכרונות': דאָרט דערמאָנט מען וויאַזוי דער רבוש"ע שאָקלט די וועלט, אָבער וואָס פּירט מען אויס?! '**אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך**'. ווי גליקליך איז דער מענטש וואָס פאַרגעסט נישט פון דעם רבוש"ע!

די תמצית היוצא פון דעם גאַנצן אימת הדין איז: **ווי גוט איז פאר דעם מענטש וואָס האַלט זיך אָן אין דעם אויבערשטן!**

### אויב מ'האָט די ריכטיגע מחשבה, האַלט זיך די קבלה טובה

מענטשן זענען זיך טועה אַז דער תכלית איז צו אָפּשרעקן דעם מענטש אַז פון היינט און ווייטער זאָל ער נישט האָבן קיין ברירה נאר זיך אָנהויבן צושטעלן ווי ס'דאַרף צו זיין... אָבער ווען מ'לערנט דאָס אויף אַזאַ סאָרט אופן, **וועט דאָס בדרך כלל נישט איבערלאָזן קיין רושם און ס'וועט נישט בלייבן אויף אַ לאַנגע צייט.** אויב ס'כאַפּט פאַר'ן מענטש אַ פּחד אויף אַ מינוט און צוליב דעם נעמט ער זיך אונטער אַ קבלה, וועט מען זען אַז שפּעטער, ווען ער האָט שוין נישט דעם פּחד, האָט ער אויך נישט די כלים וויאַזוי זיך צו האַלטן ווייטער.

דערפאַר זעט מען טאַקע אַסאַך מענטשן וואָס ווען ס'קומט חודש טבת און שבט בלייבן זיי נישט מיט די התעוררות פון די הייליגע טעג, ווייל ער האָט שוין נישט די יראה יעצט, וואָס זאָל אים האַלטן בעת נסיון?!

ווידעראום, די אידן וואָס האַלטן אָן דעם התעוררות אויך אינמיטן חודש טבת איז דאָס געווענליך **ווייל זיי האָבן עפּעס אַנדערש וואָס דערהאַלט זיי יעצט.** ס'איז נישט די פּחד פון חודש אלול - תשרי וואָס טראָגט זיי יעצט, **ס'איז אָבער יאָ די קרבת אלקים וואָס זיי האָבן קונה געווען דעמאָלט ווען זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זענען בידיו של הקב"ה!** דער איד וויל ווייטער האָבן יענע קרבת אלקים, ער וויל בלייבן דערמיט! די יראה פון ראש השנה ברענגט אים אַזאַ גוטע געפיל אַז ער וויל נישט אַוועקגיין דערפון. ער שפּירט אַז: "אויב בין איך אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע פאַרמאָג איך אַלעס!". זיין אהבה מיט זיין יראה מישן זיך אויס צוזאַמען און ברענגען אים אַ תענוג נפלא.

### ראש השנה איז אַ גאָלדענע געלעגנהייט

קומט אויס אויף למעשה: דער אויבערשטער האָט קובע געווען אַז ס'זאָל זיין אַ טאָג פון משפּט, **טאַקע וויבאַלד ער האָט אונז געוואָלט דערנענטערן צו אים,** און טאַקע וויבאַלד ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן קענען שפּירן אָנגעוויזן אויף אים.

דער אויבערשטער כביכול זאָגט פאַר'ן מענטש: אַנשטאָט אַז איך זאָל דיך דאַרפן צונעמען אַלעס וואָס דו האסט, און דו זאָלסט ח"ו דאַרפן האָבן יסורי איוב, כדי צו באַקומען די הרגשה פון חיבור צום רבוש"ע. וועל איך דיך ליבערשט געבן אַ גוט לעבן, מיט אריכות ימים, מיט געזונט, מיט אַ משפּחה און מיט פּרנסה, און איך וועל אַריינשטעלן אַ זמן אין דעם סדר פונעם יאָר, ווען דו וועסט זיך דאַרפן שטעלן צום משפּט, **און דורכדעם וועסטו וויסן אַז דיין גאַנצע לעבן איז אָנגעהאָנגען אויף מיר,** ווייל דער אויבערשטער קען יעצט אַלעס צונעמען פון דיר חלילה, און **ווען דו וועסט דאָס פאַרשטיין וועט עס דיך צוברענגען צו דעם געשמאַקן הרגשה פון ביטול און הכנעה.**

### די ריכטיגע תפלה איז ווען ס'איז מיט אַ ביטול פאַר'ן רצון ה'

און ווי דערמאַנט, ווען אַ איד קומט אן ראש השנה צו אָט דעם הרגשה אַז ער איז בידיו של הקב"ה, דאַרף ער דאָס אויסנוצן ריכטיג. ער געדענקט אַז **אפילו ביים דאַווענען טיילט ער נישט איין פאַר'ן באַשעפער קיין דעות וואָס צו טון מיט אים.** ער קריגט זיך נישט מיט'ן באַשעפערס פּלאַן.

דאָס איז בעצם גאָר אן איידעלע נקודה אָבער דאָס איז די אמת: אַז **ווען אַ מענטש האָט נישט דעם ביטול צום רצון ה' און ער איז גאָר שטאַרק מתפּלל, האָט די תפלה אַ קלענערע השפּעה.** אודאי קען מען נישט זאָגן אַז ס'איז גאָרנישט ווערד, ווייל ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף! יעדער איד וואָס איז פונה צום אויבערשטן, אָפּגעזען וויפיל טעותים ער זאָל נאר האָבן, איז דער רבוש"ע מקבל זיין תפלה!

אָבער די ריכטיגע תועלת פון תפלה קומט **ווען דער איד דאַוונט מיט דער הכרה אַז: "איך בין אין דעם אויבערשטנס הענט".** דאָס אַליין גיבט אים אַזאַ חיות. ער איז מתפּלל אינאיינעם מיט די הכנעה: "רבוש"ע, איך בעט דיך האַלט מיך ביים לעבן, געב מיך אַלעס וואָס איך דאַרף, ווייל איך בין גענצליך אָנגעוויזן אויף דיר".

ו

## לחזות בנועם ה'; די ריכטיגע געפיל פון תשובה וואָס קומט פון דער רגש של הכנעה

### אונזער גשמיות איז טיף פאַרבינדן מיט אונזער רוחניות

ווען אַ מענטש פאַרשטייט דאָס, כאַפּט ער אויך די נקודה אַז **מ'קען נישט באַקומען קיין גשמיות אָן קיין רוחניות!** ער פאַרשטייט אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט די גאַנצע בריאה לויט די פּסוקים פון "והיה אם שמוע". אויב **ער גייט זיין נאָנט צום רבוש"ע גייט ער באַקומען אַלע זיינע געברויכן,** און אויב ער וועט זיין ווייט פון דעם רבוש"ע וועט ער נישט האָבן זיינע צרכים. **אַזוי אַרבעט דער סדר פון עולם הזה!**

אויב אַזוי פאַרשטייט דער איד אַז ווען ער איז מתפּלל צו מצליח זיין ברוחניות, **איז דאָס אייגנטליך אַ תפלה אויף זיין עצם לעבן!** ווייל אויב ער גייט נישט האָבן קיין קרבת אלקים גייט ער חלילה נישט לעבן. ווען ער איז מתפּלל ראש השנה אַז השי"ת זאָל אים עפענען זיין האַרץ און מח צו קענען לערנען תורה, לשמור ולעשות ולקיים, און אַז ער זאָל קענען נשתנה ווערן אין רוחניות, דאַוונט ער די תפלות מתוך די הכרה אַז אויב איך גיי דורכפאַלן קען איך אַלעס פאַרלירן, **אויך מיין גשמיות!**

דער מענטש באַגרייפט אַז ס'איז בכלל נישט פּשוט. דער יצר הרע לאָקערט אויף אים אַלעמאָל און אַ מענטש איז שטענדיג אין אַ מורא'דיגע מצב פון סכנה, דערפאַר דאַוונט ער צום רבוש"ע אַז **ער זאָל נישט פאַרגעסן פון דעם אמת'דיגן נקודה אַז ער אַלעמאָל אָנגעוויזן אויף אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא כדי צו מצליח זיין ברוחניות.** ער איז מתפּלל ראש השנה אַז אַגאַנץ יאָר זאָל ער דאָס געדענקן. ווייל ער ווייסט אַז אויב וועט ער דאָס אַלעמאָל געדענקען וועט אים זיין גוט, און אויב ער וועט דאָס פאַרגעסן וועט זיין געפערליך.

### די תפלה אויף רוחניות ברענגט אונז לעבן בגשמיות

קומט אויס אַז בנוסף לזה וואָס דער מענטש שפּירט ראש השנה אַז ער איז בידיו של הקב"ה, איז ער מתפּלל אויף דעם אַליין: רבוש"ע העלף מיר אַז איך זאָל אַלעמאָל געדענקן דעם אמת אַז איך בין בידך! **העלף מיר אַז איך זאָל מצליח זיין ברוחניות, ווייל איך וויל דאך לעבן!**

דער מענטש זאָגט אַזוי: **איך ווייס אַז איך האָב ליב גשמיות, איך ווייס אַז איך וויל אויך מצליח זיין אין עולם הזה, אָבער איך ווייס אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע וועג דערצו, נאר אויב איך גיי מצליח זיין ברוחניות.** דערפאַר איז ער טאַקע מתפּלל אויף רוחניות. ער דאַרף קרבת אלקים ווייל יעדער וואָס איז נאָנט צום רבוש"ע באַקומט די ברכה פון 'אשרי איש שלא ישכחך'.

### דער רצון ה' איז אַזאַ סאָרט תפלה אויף רוחניות

אַזאַ תפלה ווערט נישט אָנגערופן 'שלא לשמה', ווייל אַ מענטש דאַרף דאָך דאַווענען פאר זיינע צרכים. אדרבה, דער אויבערשטער האָט אַזוי אויסגעשטעלט, אַז די גאַנצע עולם הזה זאָל זיין אָנגעהאָנגען אויף דעם רוחניות, כדי אַז דער מענטש זאל וויסן אַז דורכדעם וואָס ער וועט בעטן אויף רוחניות וועט ער אויך באַקומען זיין גשמיות.

מיר זענען דאָך אויף נישט אויף דער דרגא פון נישט טראַכטן בכלל וועגן דעם גוף מיט זיינע צרכים. און נאָכמער שטייט אין **ספה"ק** אַז מ'זאָל יאָ מתפּלל זיין אויף גשמיות. אין אַנדערע ספרים איז מבואר אַז דעם ערשטן טאָג ראש השנה זאָל מען מתפּלל זיין אויף רוחניות און דעם צווייטן טאָג קען מען אויך מתפּלל זיין אויף גשמיות. אַ מענטש קען זיך נישט נאַרן, ער וויל דאך מצליח זיין בגשמיות, אָבער גלייכצייטיג פאַרשטייט ער אַז **ס'איז בלויז דאָ איין וועג צו באַקומען הצלחה בגשמיות:** אויב איך וועל זיין נאָנט צום רבוש"ע וועט מיך זיין גוט, און אַז נישט, וועט חלילה נישט טויגן.

קומט אויס אַז **דער פּחד פון ראש השנה ברענגט פאַר'ן מענטש די עצם הכרה אַז ער איז בידיו של הקב"ה!** דאָס איז זיין מחשבה, דאָס חזר'ט ער און דאָס איז זיין התבוננות אין די הייליגע טעג. די אַלע שרעקעדיגע מעשיות פון אומגליקן וואָס האָט ליידער פּאַסירט במשך דעם יאָר, זענען בלויז אַ מיטל אים צו ברענגען נאָנטער אַז ער זאָל פאַרשטיין די הכרה, אַז ער איז אינגאַנצן אין די הענט פון דעם רבוש"ע.

### הבא ליטהר - במשנתו פון הרה"ק רבי צדוק הכהן זי"ע

ס'איז דאָ אַ שטיקל פון הרה"ק רבי **צדוק הכהן**

**מלובלין** זי"ע אין ספר **צדקת הצדיק** (אות קכ"ט) מיט אַ יסוד וואָס העלפט זייער שטאַרק צו פאַרברייטערן די אויבנדערמאַנטע נקודה.

רבי צדוק זאָגט דאָס לשון: '**מיד שאדם רוצה לשוב הרי הוא בא ליטהר**' - גלייך ווען אַ איד וויל תשובה טון גייט ער אַריין אין דעם גדר פון אַ בא ליטהר. '**והמשפט לסייע אותו, כמו שאמרו ביומא**' - און עס באַלאַנגט אַז מ'זאָל אים העלפן פון הימל, ווי די גמרא זאָגט אַז הבא ליטהר מסייעין אותו.

'**וכשמסייעין, אז ממילא ניתוסף בו רוח טהרה והוא מוסיף לבוא ליטהר' ואז חוזר הסיוע מלמעלה ביתר שאת, וממילא מוסיף למטה לבוא ליטהר, וכך חוזר חלילה, עד שמפתח כחודו של מחט, נעשה כפתחו של אולם כמו שאמרו ז"ל**' - נאָכדעם וואָס מ'העלפט אים פון הימל, באַקומט ער ממילא אַ שטאַרקערע רוח טהרה, און ער איז מוסיף צו זיין נאָך אַ גרעסערער 'בא ליטהר'. וואָס דאָס איז גורם אַז ס'זאָל אים אַראָפּקומען נאָכמער אַ הילף מלמעלה, ביתר שאת, און אַזוי איז עס 'חוזר חלילה' מער און מער. קומט אויס אַז פון אַ 'פתח כחודו של מחט' ווערט דערנאָך אָפּן 'כפתחו של אולם'. עכל"ק.

## די הרגשה פון אָנגעוויזנקייט אויף השי"ת ברענגט אַ קייט פון תשובה

מדבריו הק' למדנו אַז ווען דער מענטש פאַרשטייט גוט אַז ער איז געַנצליך אין די הענט פון דעם אויבערשטן, ער קען זיך גאָרנישט אַליין העלפן, און ער איז זיך מתחנן פאַר'ן רבוש"ע אַז ער זאָל אים נישט אָפּלאָזן ווייל איך קען זיך נישט העלפן. **איז ער אַצינד אַ 'בא ליטהר'**; דער אויבערשטער האָט דאָך געוואָלט אַז דו זאָלסט אַזוי טראַכטן, **ממילא וועט דאָס ברענגען אַ 'מסייעין אותו'**, דאָס מיינט אַז מ'וועט דיך שיקן הרהורי תשובה נישט צו ווילן אָפּלאָזן דעם רבוש"ע.

אַצינד אויב דו וועסט אויסנוצן די הרהורי תשובה צו טראַכטן אַז דו ווילסט באמת זיין נאָנט מיט השי"ת, **ביסטו יעצט אַ נייער 'בא ליטהר'**, און דאָס גייט דיך ברענגען **אַ פרישע 'מסייעין אותו' מיט נאָך טיפערע הרהורי תשובה**, און אַזוי חוזר חלילה.

## ושבת עד ה' אלקיך

דאָס הייסט אַז אַ מענטש זאָל נישט טראַכטן: "איך פאַרשטיי נישט, וויאַזוי בין איך מקיים דעם ראש השנה דורך די התבוננות אַז איך בין בידיו של הקב"ה. ראש השנה דאַרף מען דאָך תשובה טון?! ראש השנה דאַרף מען שפּירן אַז איך גיי חלילה באַשטראָפט ווערן און אַדאַנק דעם דאַרף מען מחליט זיין גאָר שטאַרק אַז כ'גיי אָפּלאָזן אַלע מיינע שלעכטע הרגלים! וואָס זאָגסטו מיר דאָ אַז מ'דאַרף זיין פאַרנומען מיט די עצם מחשבה אַז כ'בין אין די הענט פון דעם רבוש"ע?!".

די תשובה דערויף איז אַז איינס קומט פון דאָס צווייטע. **די ריכטיגע געפיל פון תשובה קומט בלויז נאָכדעם וואָס אַ איד איז מכיר אַז ער איז בידיו של הקב"ה.** אויב מ'טוט בלויז תשובה אָן די הקדמה האָט עס געווענליך נישט קיין קיום, ווייל די תשובה איז נישט געבויעט אויף קיין שטאַרקע בסיס.

בלויז נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט זיך מצמצם געווען זיין מחשבה צו שפּירן בחוש אַז ער איז אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, און ער חזר'ט די יסודות האמונה אַז השי"ת איז אים מחי' יעדע רגע און אַז ער ליגט אין זיינע הענט אינגאַנצן, **דעמאָלט איז דער מענטש אַ ריכטיגער הבא ליטהר און דאָס וועט אים ברענגען די אמת'ע הרהורי תשובה**, זיך אָפּצולאָזן פון די אַלטע דרכים.

אַצינד, ווען דער מענטש טראַכט די מחשבות פון תשובה, אַז ער וויל נישט צוריקגיין צו די עבירות, ווייל ער וויל בלייבן תחת כנפיו פון השי"ת, איז ער געוואָרן אַ נייער 'בא ליטהר', און **דאָס גייט אים ברענגען אַ פרישע סייעתא דשמיא אָנצוקומען ווייטער**, וחוזר חלילה!

## אַ פּראַקטישע עצה אויף ראש השנה:

### מאַכן פון דעם אומבאַקוועמליכקייט אַ חלק פון דעם עבודת היום!

דאָס מציאות איז אז ראש השנה זענען אַסאַך מענטשן נישט אַזוי באַקוועם. פילע אידן זענען בכלל נישט אין שטוב אויף יום טוב, און אפילו די וואָס זענען יאָ אינדערהיים איז אָבער געווענליך דאָ אַ גאַנץ אַנדערע מציאות אין בית המדרש, וואו ס'איז דאָ אַ גאַנצע טומל, ברוב עם הדרת מלך מיט אַלע מפרשים.

אַסאַך מאָל איז דער מענטש שטאַרק פאַרמאַטערט אום ראש השנה. מ'שטייט דאך אויף פריער, און דערנאָך שטייט מען אויף די פיס לאַנגע שעות, נישט עסנדיג געהעריג רוב שעות פון טאָג. אַזעלכע זאַכן קענען מאַכן דעם מענטש אומבאַקוועם.

אויסערדעם זענען דאָ מענטשן וואָס האָבן ליב צו זיין רואיג און פּריוואַט, אָבער ווען ער געפינט זיך צווישן אַזויפיל מענטשן און ער האָט נישט זיין מסודר'דיגע פלאַץ און זיין ווינקל, נעמט עס אים אַוועק פון זיין ישוב הדעת.

אָבער באמת קען אַ איד אויסנוצן טאַקע די אומבאַקוועמליכקייט אַלס אַ כלי צו ווערן נאָנטער צום רבוש"ע און דאָס פאַרוואַנדלן אַלס אַ חלק פון דעם עבודת היום.

### רבוש"ע; איך בין אין דיינע הענט!

אַ איד קען זיך פשוט אַריינלייגן אין די הענט פון דעם אויבערשטן: כ'ווייס נישט צי כ'גיי האָבן אַ פלאַץ; כ'ווייס נישט פונקטליך ווער ס'גייט שטיין נעבן מיר. כ'ווייס נישט אויב מ'גייט מיך שטופּן, כ'ווייס נישט ווי לאַנג דאָס דאַווענען גייט געדויערן; כ'ווייס נישט אויב כ'גיי קענען האָבן אַ טרונק וואַסער, כ'ווייס נישט אויב כ'וועל קענען אַרויסגיין אשר יצר, איך ווייס גאָרנישט! דער אויבערשטער וועט מיך באַגלייטן און העלפן!

אויב אַ מענטש ווייסט וואָס צו טראַכטן, קען ער נעמען דעם גאַנצן בלבול הדעת און דעם אומבאַקוועמליכקייט, און דאָס נוצן צו קענען ריכטיג שפּירן אַז: "איך בין אין די הענט פון דעם אויבערשטן, ער גייט מיך העלפן". דאָס איז ממש אַ חלק פון די עבודה פון ראש השנה. "איך בין אויסגעמוטשעט, וויאַזוי גיי איך קענען אָנציען?! כ'ווייס נישט! דער אויבערשטער גייט מיך העלפן!".

### דער לחץ קען ווערן אַ שטאַפּל צו קרבת אלקים!

מענטשן ווערן צומאָל אַזוי אָנגעשטרענגט פון דעם מאַנגל אין ישוב הדעת אַז ס'הייבט זיך אן בויען אַ גאַנצע בנין פון לחץ. אָבער פאַרוואָס זאָל מען ווערן בלחץ?! "איך ווייס טאַקע נישט וואָס עס גייט זיין, אָבער דער אויבערשטער גייט מיך העלפן. מיין גאַנצע לעבן איז דאך אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע. ער וועט שוין דאגה'ן אויך פאר דעם טרונק וואַסער, איך בין דאך ממילא אין זיינע הענט".

אין די ימי הרחמים והסליחות בעטן מיר: 'כבר שביא דמתחנן לשבוייה'. דער בר שביא האָט אויך נישט קיין טרונק וואַסער אָבער ער האָט הנאה צו זיין אין דעם מצב פון אָנגעוויזנקייט אויפ'ן רבוש"ע! ער גלייבט אַז אַלעס אַרום איז אויסגע'חשבונ'ט מיט אַ השגחה פּרטית מדוקדקת. ווען מען לייגט זיך אַריין אין די הענט פון דעם רבוש"ע דעמאָלט שטערט עס נישט דעם ראש השנה.

ס'קומט טאַקע נישט אן אַזוי גרינג, אָבער ס'איז די געשמאַקסטע זאַך!

פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

לזכות הבה"ח
יהודה גרשון בן שרה
לרפואה שלמה בקרוב בתוך שאר חולי ישראל

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר 13 Monsey
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
בית המדרש רידזש
ויואל משה סאטמאר

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב